STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11682

REBE SHMUEL MOHILIVER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב ר' שמואל מאָהיליוּוער ז"ל
נולד כ"ז ניסן תקפ"ד
נפטר י"ט סיון תרנ"ח

הרב מאיר ברלין

א תקופה פון פערציג יאָהר

פערציג יאָהר זיינען פאַראיבער זייט דער פּטירה פון דעם גרויסען מענשען הרב ר׳ שמואל מאָהיליוועער און עס דאכט זיך, אז ערשט איצט האָט דאָס פּאַסירט.

אין אונזער הארץ לעבט נאָך דער טיפער איינדרוק וואָס האָט געמאכט די ידיעה וועגען ר׳ שמואל מאָהיליוועער׳ס הסתלקות. אויף איהם האָבען געקלאָגט די אלטע און די יונגע, די רבנים און עסקנים; די האָבען איהם באטראכט אלס דעם „רבא דעמיה״, זייענדיג א גדול בתורה, און די אנדערע האָבען אין איהם געזעהען דעם „מדברנא דאומתיה״, זייענדיג גרויס אין מעשים.

ר׳ שמואל מאָהיליוועער איז ניט געוועזען גלייך צו אנדערע עסקנים וועמענס באַריהמטקייט איז א רעזולטאַט פון זייערע טעטיגקייטען, ווייל אויסער זיין געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט איז ער געוועזען א גדול בתורה, אין הלכה און אגדה ווי איינער פון די גדולי ישראל. דער „גלובאָקער עילוי״ איז אין איהם געוועזען גאנץ גוט קענטיג, סיי אין זיין רבנות און סיי אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט גדולי הדור.

מעגליך, אז זיין געזעלשאפטליכע טעטיגקייט, פון דער אנדער זייט, האָט פארקלענערט זיין נאָמען און האָט פארדונקעלט אביסעל זיין גרויסקייט אין געוויסע קרייזען. אָבער די גרעסטע רבנים, אפילו פון זיינע געגנער, האָבען ניט אויפגעהערט איהם צו פאַרעהרען אלס א גדול בתורה.

עס האָט אמאָל פּאַסירט, אז ר׳ שמואל מאָהיליוועער איז געקומען און אן אַלטע באַריהמטע שטאָדט און דער מרא דאתרא, באַריהמט בכל תפוצות ישראל, און אן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון ציוניזם, האָט זיך מקדים געוועזן און געקומען אויף א באזוך צו ר׳ שמואל

מאָהיליוּוער אין זיין האָטעל. צו זיינע מקורבים, וועלכע האָבען זיך געוואונדערט אויף דעם, האָט דער רב ערקלערט: „איך קען נאָר ר׳ שמואל מאָהיליווער דעם גדול בתורה ובחסידות, און אָט דעם רב שעץ איך און בין איהם מכבד.”

ווען אפילו הרב מאָהיליוּוער וואָלט געוואוסט, אז זיין ציוניס־טישע און געזעלשאפטליכע טעטיגקייט פארקלענערט זיין פרעסטיזש אין געוויסע קרייזען, וואָלט ער בשום אופן ניט אויפגעהערט צו באַ־טייליגען זיך אין דער ארבייט, ווייל ער איז געווען איבערגעבען צום ציוניזם ניט נאָר גייסטיג, נאָר אויך פיזיש. ער האָט זיך ניט אָפּגע־שטעלט פאר קיינע שוועריגקייטען און פאר קיינע ליידען, ביז מסירת נפש. איהם האָט ניט געאַרט זיין כבוד און זיין נאָמען, כל זמן זיינע מעשים זיינען געווען אין איינקלאנג מיט זיין געוויסען. ער האָט פאר זיינע אויגען שטענדיג געהאט דעם כלל: „גדול תלמוד שמביא לידי מעשה.”

הרב מאָהיליוּוער האָט גוט געוואוסט, אז אזא גרויסע היסטאָרישע ארבייט קען ניט געטאָן ווערען צווישען טאָג און נאכט און דרך אגב. עס האָט קיינמאָל ניט פאסירט, אז ר׳ שמואל מאָהיליווער זאָל זיך משתמט זיין פון אירגענד וועלכע ארבייט אדער נסיעה צוליב געלט־אורזאַכען אדער צוליב מורא פאר זיין פרעסטיזש.

און דערמיט איז ער געווען גרויס. ער האָט זיך ניט באנוגענט מיט דער איבערצייגונג וועגען דער ריכטיגקייט פון ציוניזם און די פראַקטישע ארבייט אין ארץ ישראל; ער האָט זיך ניט צופרידענגע־שטעלט מיט ארויסגעבען א הסכמה אויפ׳ן ציוניזם און מיט געווינען רבנים, וועלכע זאָלען אויך מסכים זיין דערמיט, נאָר האָט אליין, בכבודו ובעצמו, מיט אלע זיינע כחות און כשרונות געטאָן די ארבייט וואָס האָט געפאָדערט ארבייטענדע הענט.

זייענדיג א רב אין א גרויסער שטאָדט, וואו עס האָבען זיך געפונען פיעל גדולי תורה און אנשי מעשה, איז זיין דרך ווייט ניט געפעלען געוואָרען אין די פארשידענע קרייזען: אייניגע האָבען געהאַלטען אז „חדש אסור מן התורה”, און די אנדערע האָבען ניט געהאלטען פון אַזאַ „אַלטען”, אָפּגעלעבטען אידעאל ווי שיבת ציון. דאָס האָט אָבער ניט געהאט די מינדעסטע ווירקונג אויף איהם און האָט איהם ניט ענטמוטיגט פאָרצוזעצען זיין ארבייט ווי געווען. נאָך מעהר, ער האָט זיך באמיהט משפיע צו זיין אויף די דאָזיגע קרייזען און זיי צו געווינען

פאר׳ן בנין הארץ; און עס האָט זיך קיינמאָל ניט געהערט, אז ר׳ שמואל מאָהיליווער זאָל מיט אימעצען פון זיין קהילה האָבען פארפירט א קאַמף. עס האָט אויך ניט געטראָפען, אז ער זאָל ארויס זיך פאַרטיידיגען געגען זיינע פיעלצאָהליגע אפּאָנענטען, ווייל דער מענש איז געווען א תמים, זיין כוונה איז געווען א ריינע און זייגע ווערטער און מעשים זיינען געווען ריינע.

דער ציוניסטישער געדאנק איז געווען זיין טעמע סיי אויף דער בימה און סיי אין פריוואַטען געשפרעך. יעדע זאַך וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט איז געווען איינדרוקספול ניט בלויז צוליב אינהאלט, נאָר אויך צוליב דער פאָרם. עס איז געווען קלאָר פאר יעדען, אז יעדער וואָרט געהט ארויס פון די טיפסטע טיפענישען פון זיין נשמה. אָבער אָט דער דאָזיגער מזג טוב האָט אויך געקענט זיין א עומד על דעתו. דער דאָזיגער מענש פון טהאָט האָט קלאָר געוואוסט, אז א שטארקער ווילען דאַרף זיך אויסדריקען אין דער פאָדערונג פאר גרויסע און פאַרצווייגטע מעשים. עס זיינען אפשר געווען מענשען וואָס האָבען זיך באצויגען מיט א געוויסען לייכטזין צו דעם פאקט, אז א רוסישער רב, וועלכער קען ניט קיין אייראָפּעאישע שפראכען, א רב, ווי אלע רבנים פון דעם אַלטען דור מיט דער הלבשה און מיט דער עטיקעטע, זאָל זיך ארויסלאָזען קיין פאריז און זיך פאָרשטעלען פאר׳ן באראן וועגען אזא „פרעמדען״ אידעאל, ווי ישוב ארץ ישראל. אָבער א מענש ווי ר׳ שמואל מאָהיליווער ווערט ניט נתפעל פון אזעלכע זאכען. אויב ס׳איז נאָר דאָ דער קלענסטער אויסזיכט פאר ערפאָלג — מוז מען פּרואווען. און ער האָט זיך ארויסגעלאָזען פון זיין שטאָדט און איז געקומען אין פאריז צום באראן, און האָט מיט איהם גערעדט אין ז י י ן שפראך, אין דער שפראך פון א רב, מיט א מאמר חז״ל, און האָט באוויזען דאָס וואָס אנדערע האָבען ניט געקענט באווייזען. פון יענעם געשפרעך אָן איז דער באראן געוואָרען דער „נדיב הידוע״, וואָס זיינע אויפטואונגען פאר ארץ ישראל זיינען גרעסער ווי עס איז באַ־וואוסט ברבים...

אלס פראקטישער מענש האָט הרב מאָהיליווער געוואוסט, אז מען קען ניט ווי געהעריג ארבייטען פאר א זאַך בלויז על פי השמועה, און דערפאר האָט ער ניט קוקענדיג אויף זיין עלטער, זיך אועקגעלאָזט קיין ארץ ישראל אליין פערזענליך אויסצופאָרשען די לאגע און בעסער פאַרשטעהן וואָס עס דארף געטאָן ווערען.

די איינדרוקען פון זיין רייזע האָט ער שפּעטער באַשריבען און האָט עס אויך מינדליך איבערגעגעבען עפענטליך. צו זיי האָבען גע־מאַכט דעם געהעריגען איינדרוק אדער ניט, אבער קיינער האָט ניט געוואגט עס מבטל צו זיין, ווייל אלע האָבען געוואוסט, אויך זיינע געגנער, אז א גרויסער מענש און אן אמת׳ער מענש, רעדט צו זיי.

זיין שווערע און פאַרצווייגטע ארבייט פאַר דעם אידעאל פון „חבת ציון״, האָט ער ניט אָפּגעלאָזען ביז זיין לעצטען טאָג. זייענדיג שוין אַלט און זאָט אין יאָהרען, ליידענדיג זעעלישע און פיזישע יסורים, איז ער געווען פון די ערשטע וואָס האָבען זיך אָפּגערופען אויף דעם רוף פון דר. הערצל וועגען ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס. ווי גרויס און וויכטיג עס איז געווען הרב מאָהיליווער׳ס הסכמה צו דר. הערצל אין יענער צייט, ווען די רבנים אין דייטשלאַנד זיינען ארויסגעקומען מיט זייער באַוואוסטען פּראָטעסט און די אידישע קהילה פון מינכען האָט ניט ערלויבט דאָרט אָפּצוהאַלטען דעם ציוניסטישען קאָנגרעס — דאַרף מען איצט ניט איבערצייגען. אָבער אין דעם דאָזיגען פאַקט זעהען מיר ווידער הרב מאָהיליווער אין זיין גרויסקייט: אין דער צייט ווען פילע פיהרענדע פּערזענליכקייטען אינ׳ם היינטיגען ציוניזם זיינען געשטאַנען פון ווייטען און האָבען קיין אנטייל ניט גענומען אינ׳ם קאָנגרעס, אין דער זעלבער צייט איז אַט דער אלטער רב פון די ערשטע וואָס האָבען געענטפערט דר. הערצל׳ס רוף.

הרב מאָהיליווער האָט זיך אָבער ניט באַנוגענט מיט סתם ציוניס־טישע טעטיגקייט, נאָר האָט זיך באַמיהט און האָט געפאָדערט, אז די ארבייט זאָל געטאָן ווערען אין גייסט פון דער תורה. זיין ליבשאַפט צו ציון און זיין איבערגעבענקייט צו דער אָרגאַניזאציע, ווען עס איז באַשערט געוואָרען ארומצונעמען די ברייטסטע שיכטען פון אידישען פאָלק, האָט איהם ניט פאַרבלענדט די אויגען ניט צו זעהן דעם אמת, אז אויב די רעליגיעזע עלעמענטען וועלען זיך ניט פאַראייניגען צווישען זיך פאַר דער ציוניסטישער טעטיגקייט אין זייער אייגענעם גייסט, וועט די אָרגאַניזאציע בלייבען פארשטיינערט און וועט ניט דערגרייכען איהר ציל.

הרב מאָהיליווער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געגרינדעט דעם מ ז ר ח י אלס מ ר כ ז ר ו ח נ י צו פאַרשפּרייטען דעם נאַציאָנאלען געדאַנק צווישען די רעליגיעזע אידען און אריינצוברייננגען דעם רעליגיעזען גייסט צווישען די בויער פונ׳ם לאַנד.

און מיט דערזעלבער ווארימקייט, מיט דערזעלבער התלהבות וואָס ער פלעגט אגיטירען פאר ציון, פלעגט ער אויך באגייסטערען זיינע צוהערער פאַר למוד ושמירת התורה. ווער עס האָט ניט געזעהן זיין שטראַהלענדען פּנים און זיינע טרערען־פולע אויגען, ווען ער פלעגט זעהן א יונגענמאן לערנענדיג תורה — האָט ניט געזעהן קיין ערהאַבענע און לויטערע סצענע אין זיין לעבען.

זאָל דער אָנדענק פון דעם גרויסען מענשען זיין געבענשט און זיינע מעשים זאָלען זיין א מוסטער פאר די קומענדע דורות.

הרב יעקב לעווינזאָן

ר׳ שמואל מאָהיליווער׳ס לעבן און שאַפן

א

י״ט סיון פון הײנטיגען יאָהר תרצ״ח איז געוואָרען פערציג יאָהר זינט עס איז געשטאָרבען דער גרויסער גאון און דער אידישער פיהרער הרב ר׳ שמואל מאהיליווער זצ״ל, און זײן פערציג יאָהריגער יאָהרצײט ווערט אָפגעהאלטען אין דער גאנצער אידישער וועלט, ספּעציעל אין ארץ ישראל דורך פאַרזאַמלונגען און מאמרים אין צײ־טונגען וועלכע באשרײבען זײנע גרויסע ארבײט פאַר ארץ ישראל אלס דער גרעסטער חובב ציון פון זײן צײט, די שוועריגקײטען וועלכע ער האָט דורכגעמאכט אום ארײנצוברײנגען דעם רעיון פון „חיבת ציון״ בײם פאָלק, און ספּעציעל בײ די חרדים וועלכע זײנען געוועזען שטארקע געגנער צו דעם נײעם געדאַנק פון ישוב הארץ.

אין גרונט גענומען באַגעהן די אלע געשיכטע שרײבער פון ר׳ שמואל א גרויסען אומרעכט דורך דעם וואָס זײ באַטאָנען די גרויסקײט פון פאַרשטאָרבענעם גאון נאָר אין זײן אונערמידליכע ארבײט פאר ארץ ישראל. עס איז קײן ספק דאָס זײנע גרויסע ארבײט פאר ארץ ישראל וועלכע זײנען געוועזן ערפאָלגרײך, האָבען פאַרטונקעלט זײן גאונות אין תורה, ווײל אזוי ווי יעדער מענש וועלכער ארבײט געגען דעם שטראָם פון זײן צײט ארײנצוברענגען א נײעם אידעאַל צו וועל־כען זײן דור איז נאָך ניט רײף, קריגט א סך געגנער וועלכע זוכען צו פאַרקלענערען זײן נאָמען, כדי קלענער צו מאַכען זײן השפעה. אזוי האָט אויך פּאַסירט מיט ר׳ שמואל, וועלכער האָט געמאכט זײן לעבענס אויפגאבע דעם אויפבוי פון אונזער הײליג לאַנד, אין דער צײט וואָס די חבת ציון באַוועגונג איז נאָך געוועזן פריש און איז גע־פיהרט געוואָרען פון משכילים וועלכע זײנען ניט געוועזן טראַדיציאָנעל און זײער ארבײט האָט ניט געוואונגען דעם צוטרוי פון די חרדים און ספּעציעל בײ די גאוני הדור פון יענער צײט. איז זעלבסטפאַר־

שטענדליך אז ווען אַזאַ גאון האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די דאמאָלסטדיגע ציון פיהרער צוליעב זיין ליבע און מסירת נפש פאַר בנין הארץ, האָבען די גדולי התורה פון יענער צייט, וועלכע האָבען ניט מסכים געווען מיט איהם, געקוקט מיט פאַרדאַכט און בטול אויף זיין רבנישע קאַריערע.

אָבער זיינע עלוי׳ישע כשרונות צוליב וועלכע ער איז געקרוינט געוואָרען נאָך אלס יונגערמאַן אלס דער הלובקער עלוי פון די גרויסע וואָלאָזינער גאונים און ראשי ישיבה ר׳ איצעלע, און זיין איידעם ר׳ אליעזר יצחק ז״ל האָבען איהם געשטעלט אין די רייהען פון די גרויסע רבנים און גאונים פון יענער צייט, דאָס אפילו זיינע ציוניס־ טישע געגנער, צווישען זיי באַריהמטע וועלט גאונים האָבען זיך מתווכח געווען מיט איהם מינדליך און שריפטליך מיט גרויס כבוד.

עס ווערט דערצעהלט דאָס הרב מוהיליווער איז געקומען אין איינע פון די אלטע שטעדט וואו עס איז געזעסען אויף דעם כסא הרבנות איינער פון די גרעסטע גאונים א שטארקער געגנער פון דער ציוניסטישער באוועגונג, אָבער ניט קוקענדיג אויף דער געגנערשאפט האָט דער רב פון שטאָדט באזוכט ר׳ שמואל׳ן אין אכסניה און צו זיינע מקורבים האָט דער רב געגעבען פאָלגענדע ערקלערונג: „איך בין געגען ר׳ שמואל דעם חובב ציון, אבער ר׳ שמואל דעם גדול אין תורה און צדקות בין איך זייער מכבד״.

זיין שטענדיגע עסקנות וועגען ארץ ישראל און זיין פארצווייגטע ארץ ישראל׳דיגע קאָרעספאָנדענץ האָט בלתי ספק אוועקגענומען זיין צייט פון שרייבען וויכטיגע ספרים און מחדש זיין חדושי תורה, אבער פון די ביסעל חדושים און שאלות ותשובות וועלכע זיינען געבליבען אין כתב יד ביי זיין אייניקעל דר. מאָהיליווער, און זיינען געדרוקט אין „ספר שמואל״, וואָס די „הסתדרות המזרחי״ האָט ארויסגעגעבען צו זיין פינף און צוואנציגסטען יאָהרצייט, קען מען זעהן זיינע בקיאות חריפות און גדלות אין תורה. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערען וועגען זיינע פילאָזאָפישע געדאנקען וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרען פון זיין אייניקעל. זיי זיינען טיף און וויסענשאפטליך, און עס צייגט אויף זיין גרויסע פערזענליכקייט אלס פילאָזאָף און חוקר. אין דיזע מאמרים פאַרהאַנדעלט ר׳ שמואל מאָהיליזער אזעלכע וויכטיגע ענינים ווי „השארת הנפש״, „עולם הבא״, „חנוך״, „מדות און דרך ארץ״ און נאָך אזעלכע וויכטיגע פראַגען, וועלכע ער האָט באַהאַנדעלט מיט דער טיפקייט פון א גרויסען דענקער.

ב

ר׳ שמואל איז געבוירען געוואָרען אין דער שטעדטעל „הלובוקה״, ווילנער גובערניע, כ״ז ניסן, תקפ״ד. די פאַמיליע מאָהיליווער איז א יחוס׳דיגע, פון א סך דורות רבנים. ר׳ שמואל׳ס פאָטער הרב יהודה ליב איז געווען גרויס אין תורה און השכלה, אָבער האָט ניט געמאַכט רבנות אלס זיין פּראָפעסיע. ער איז ביז דער עלטער געווען א געשעפטסמאַן, נאָר די לעצטע יאָהרען ווען זיין געשעפט איז ארונטער האָט ער אָנגענומען רבנות אין דער שטאָדט שאַלאָק.

ווען ר׳ שמואל איז דריי יאָר אַלט געווען האָט ער ארויסגעוויזען וואונדערבאַרע פעהיגקייטען. צו צעהן יאָהר איז ער מפורסם געוואָרען אין גאנצען געגענד אלס „הולובוקער עילוי״, צו פערצעהן יאָהר האָט ער געהייראַט. אין עלטער פון אכצעהן יאָהר האָט ער באקומען סמיכה פון די וואָלאָזינער ראשי ישיבה די גאונים ר׳ איצעלע און ר׳ אליעזר יצחק, אָבער ר׳ שמואל האָט ניט געוואָלט מאכען די רבנות אלס זיין פּרנסה, און פאר פינף יאָהר צייט האָט ער געהאנדעלט ביז זיין געשעפט איז געגאנגען שלעכט, און אין דעם עלטער פון פיער און צוואַנציג יאָהר, אין יאָהר תר״ח, איז ער געווען געצוואונגען נאָכצוגעבען דעם פאַרלאַנג פון זיין געבורט שטעדטעל „הולובקה״, אָנצונעהמען דאָרטיגע רבנות.

אין יאָהר תרי״ד איז ער געוואָרען רב און שאַקי, און אין יאָהר תר״כ איז ער אויפגענומען געוואָרען אלס רב אין דער שטאָדט סובאלק, אלס שטעל-פאָטרעטער פון גאון ר׳ יחיאל העלער. אין סובאלק איז ער געוואָרען מפורסם ניט נאָר אלס גאון נאָר אויך אלס כלל טוער, ווייל צוליב דער פוילישער רעוואָלוציע געגען דער רוסישער רעגירונג, וועלכע איז אָנגעגאנגען אין יענע צייט, האָט מען א סך אידען באשולדיגט אלס רעוואָלוציאָנערען, און הונדערטער אידען זיינען געווען אין געפאַהר פון טויט משפט אָדער וועניגסטענס פאַרשיקט צו ווערען, אָבער דורך די שתדלנות פון הרב מאָהיליווער זיינען די אידען באפרייט געוואָרען און אלס צייכען פון זיין אָנערקענטע טרייהייט צו דער רעגירונג האָט ער באקומען א מעדאל. אין די אַכט יאָהר פון ר׳ שמואל׳ס רבנות אין סובאלק האָט ער געבראַכט גוטע אָרדענונג אין די שטאָטישע מוסדות, ספּעציעל אין דער תלמוד תורה.

אין יאָהר תרכ״ח איז ר׳ ישראל אויפגענומען געוואָרען אלס רב אין ראַדום, וואו ער איז געווען רב פופצעהן יאָהר. זייענדיג דאָרט

האָט ער ענטוויקעלט זיין ענערגישע ארבייטס־קראפט צו דער העכס־טער מדרגה. זיין עסקנות האָט פארנומען א גרויסען פלאץ אין אלגע־מיינעם אידישען לעבען, און איז אנערקענט געוואָרען ניט נאָר אלס ד ע ר כלל טוער פון פאָלק, נאָר אויך אלס גאון און צדיק, זאָגאר די חסידים פון ראדום, א געוויסער טייל, האָבען איהם אנערקענט אלס חסיד, און געקומען צו איהם זיך בענטשען. מאנכע האָבען זאָגאר איהם געוואָלט באקרוינען אלס חסידים׳שער רב, אָבער ר׳ שמואל אלס א ליטווישער איד האָט זיך געגען געשטעלט אזא פאַרזוך, און בכדי זיך צו באפרייען פון די חסידים, האָט ער זיך באנוצט מיט זעהר א ראַדיקאַלען מיטעל וואָס האָט געווירקט. אין א געוויסען שבת צו שלש סעודות ווען אלע חסידים זיינען זיך צוזאמענגעקומען ביי זיין טיש ווי דער מנהג איז ביי חסידים, האָט ר׳ שמואל אריינגערופען די רעבעצין זי זאָל זיך זעצען ביים טיש. דער מיטעל האָט געווירקט, אז די חסידים זאָלען איינזעהן אז ער איז ניט מסוגל צו חסידישע פיהרער־שאַפט.

אין יאָהר תרל״ג איז ר׳ שמואל ארויסגעקומען אין צייטונג „הלבנון״ מיט א מאמר וואו ער אגיטירט אז עלטערען זאָלען לערנען זייערע קינדער א מלאכה מיט וואָס זיך מפרנס צו זיין. אין דעם מאמר שרייבט ער: „איך פארשטעה ניט ווארום אונזערע עלטערען שעהמען זיך צו מאַכען זייערע קינדער פאר ארבייטער, אונזערע ערשטע אבות זיינען געווען ערד־אַרבייטער און שעפסען פיטערער. אונזערע חכמי התלמוד האָבען זיך מפרנס געווען פון פארשידענע מלאכות, און די מלאכות האָבען ניט פאַרטונקעלט דעם גלאַנץ פון זייער גרויסקייט, נאָר מיר שעהמען זיך צו לערנען אונזערע קינדער א מלאכה.״

דער געדאנק וועלכער איז ארויסגעזאָגט געוואָרען אין יענער צייט פון אן אָרטאָדאָקסישען רב איז געווען א גרויסע איבערראַשונג, ווייל ביי אידען איז דער בעל מלאכה געווען ניט קיין יחוס. א יאָהר שפע־טער ביי א פאַרזאַמלונג פון גרויסע רבנים און אידישע פאַרשטעהער אין פעטערבורג האָט ר׳ שמואל ארויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען מחנך זיין דעם יונגען דור דורך תורה און וועלט־וויסענשאפט. אין יענער צייט האָט זיין פאַרשלאג געפונען גרויס געגנערשאפט פון די עקסטרעם פרומע, און אויך פון רבנים, וועלכע האָבען חושד געווען די רבנים פון פעטערבורגער אספה אז זיי האָבען צופיעל נאָכגעגעבען דער רע־גירונג. דאן האָט ר׳ שמואל געפונען פאר נויטיג ארויסצוקומען מיט אן אַרטיקעל אין „הלבנון״ אין וועלכען ער גרייפט אָן די מענשען „וועלכע

טוען גאָר נישט פאר זייער פאָלק, און ווען באהארצטע מענשען ביי וועמען דער גליק פון דער אידישער אומה איז טייער, ווילען טאָן פאר דער רעטונג פון אונזער תורה וואָס שטעהט אין סכנה, קומען זיי ארויס מיט מחלוקות און חשדים און שטערען די גוטע מחשבות און פעולות וועלכע דארפען געטאָן ווערען, ניט נאָכפאָרשענדיג אויב די קלאַנגען וואָס זיי האָבען געהערט זיינען אמת. אויב זיי געפעלט ניט די מעשים זאָלען די קריטיקירער געבען בעסערע עצות, וועלכע וועלען זיין צופרידענשטעלענד פאר ג׳ און דער רעגירונג, אבער שטע־רען אַנדערע דורך פוסטע חשדים וואָס זיינען ניט אמת, און אליין גאָר ניט טאָן, מוזען די מענשען וויסען דאָס דער אומגליק פון אונזער דת ר״ל ליגט אויף זיי, און ג׳ זאָל זיי מכפר זיין״.

ווי עס שיינט האָט דער ארטיקעל ניט פיעל געהאָלפען אָפצו־שוואַכען די קריטיק געגען די אספה רבנים און דאָס האָט געצוואונגען ר׳ שמואל מאָהיליווער ארויסצוקומען מיט א צווייטען ארטיקעל „היראה וההשכלה״ וואו ער זאָגט ארויס שארפע קריטיק געגען געוויסע כבוד זוכער, וועלכע נעמען ניט קיין אנטייל אין ארויסצַעסערען דעם סכנה׳די־גען מצב פון אידענטהום צוליעב זייער כבוד זוכעריי. אין ארטיקעל רעדט ער שאַרף אפילו געגען גדולי הרבנים פון זיין צייט און זאָגט זיי הארבע מוסר ווערטער ניט דערמאָנענדיג זייערע נעמען. נאָך דעם ווי ער פיהרט דורך א לאַנגען אגדה געדאנק פול מיט פסוקים זאָגט ער „די סיבות וועלכע שטערען דורכצופירען אזא נויטיגע פאַרזאַמלונג זיינען דריי, „שלאָף״, „יאוש״ און „כבוד המדומה״. פיעל פון די גדולים און די פיהרער פון אונזער פאָלק זיינען פאַרשלעפערט געוואָרען, און עס איז זיי פרעמד אלעס וואָס געהט פאָר אויסער די פיער ווענט פון זייער הויז. זיי הערען ניט דעם צייט שטורעם וועלכער רייסט און ברעכט אלעס. זיי פאַרשטעהען ניט דעם גייסט פון השכלה וועלכער בלאָזט מיט נייעם לעבען. עס איז דאָ נאָך א גרויסער טייל מענשען וועלכע מאַטערען זיך אין דער תורה, און מיט זייער ברייטער הארץ און שארפען שכל גרייכען זיי ביז די הימלען אָבער ווייטער פון די ארבע אמות של הלכה זעהן זיי ניט, ווייל אויסער לערנען תורה, באַ־טראַכטען זיי אלעס פאר נוצלאָזע זאַכען״. ער קריטיקירט אויך די רבנים וועלכע טוען גאָר נישט, זיי האָבען זיך מיאש געווען פון געפי־נען א רפואה פאר זייער פאָלק, אבער די ערגסטע באַשולדיגונג ווארפט ר׳ שמואל אויף די גדולים וועלכע „מיט זייער חכמה און פאַרשטאַנד קענען אָפשאַפען די איבלען, און דאָך האלטען זיי צוזאַמענגעלייגט זייע־

רע הענט, ווייל זיי זאָרגען פאַר זייער כבוד מעהר ווי זיי זאָרגען פאַר דעם גליק פון פאָלק, זיי שרעקען זיך אַרויסצוזאָגען עפּענטליך זייער מיינונג, פיליכט וועט זיי שאַדען, ווייל מען וועט אויף זיי זאָגען, אז זיי זיינען ניט ווי די אמת'ע אַמאָליגע רבנים, וועלכע זיינען נאָר געזעסען על התורה והעבודה, און קיין אנדערע ענינים אויסער תורה האָט זיי ניט באַרירט, אָבער היינטיגע רבנים זיינען אָנגעשטאָכען מיט השכלה. עס איז דאָ אויך א טייל רבנים וועלכע דענקען דאָס נאָך די מדרגה פון זייער גרויסקייט אין תורה, איז פאַר זיי א בזיון זיך צו חבר'ן מיט רבנים צייטונג שרייבער, וועלכע זייער ווערדע אין תורה איז פיעל קלענער, אָדער זיי זיינען רבנים אין קלענערע שטעדט".

אלס א באַווייז צו זיינע רייד ציטירט הרב מאָהילוווער אַן אויסצוג פון א בריף געשריבען פון א מפורסם'דיגען רב אין רוסלאַנד, וועלכער גיט די אורזאַכע ווארום ער באטייליגט זיך ניט אין רבנישע אספות מאָטיווירענדיג „אַז די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ ווערט געפירט דורך רבנים בטלנים וועלכע האָבען ניט קיין באַגריף אין אזעלכע זאַכען, דעריבער האָב איך באשלאָסען צו שטעהן פון ווייטען". און אויף דעם אויסדרוק פון גרויסען רב ענטפערט ר' שמואל שארפע ווערטער: „פאַסט פאַר אזא גרויסען רב שוואַך צו מאַכען און ערנידעריגען די באַהאַרצטע רבנים וועלכע ליידען צוליעב טובת הכלל? איז דאָס דער געצאָהלט פון אזא גרויסען רב צו באַטיטלען זיי מיט דעם נאָמען „בטלנים וועלכע האָבען ניט קיין באַגריף", און אָן צוריקהאלט ווארפט ר' שמואל קריטיק אויף דעם רב וואָס נאָך זיין גרויסקייט שטעהט ער פונווייטען און טוט גאָר נישט צוליעב פוסטע גאוה.

אין יאָהר תרמ"ג האָט ר' שמואל באזוכט א צאָהל שטעדט צו באַוועגען די רייכע אידען צו קויפען לאַנד אין ארץ ישראל. צווישען די שטעדט וואָס ער האָט באזוכט איז אויך געווען ביאַליסטאָק וואו ער האָט מצליח געווען צו באַוועגען די נכבדים פון שטאָדט צו קויפען לאנד אין דער ניי־געגרינדעטער קאָלאָניע „פתח תקוה". פאַר דעם צוועק איז צוזאַמענגערופען געוואָרען א אסיפה, נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבען די פיהרער פון ביאַליסטאָק געבעטען ער זאָל בלייבען שבת און זאָגען א דרוש אין שוהל, ר' שמואל האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. מוצאי־שבת האָט מען איהם אויסגעזאָגט דעם סוד אז מען וויל איהם אויפ־נעמען אלס רב פון ביאַליסטאָק, ר' שמואל האָט באלד פאַרפאַקט זיינע קליידער און די זעלבע נאכט פאַרלאָזען ביאַליסטאָק, כדי מען זאָל איהם ניט חושד זיין דאָס ער איז געקומען וועגען רבנות שטעלע אונטער

דעם אויסרייד פון חבת ציון. קורץ נאָך זיין באזוך איז ער באמת אויפגענומען געוואָרען אלס ביאַליסטאָקער רב.

זיין רבנות האָט ר׳ שמואל געפיהרט מיט שטאָלץ, ניט גענומען קיינע מתנות, פאר מסדר זיין גט׳ן האָט ער קיין געלט ניט גענומען, אויך אַלע אַנדערע הכנסות האָט ער אָפּגעגעבען צו די דייגים פון זיין בית דין שטוב. זיינע אויסגאַבען אויף צדקה האָבען באַטראָפען זייער פיעל, ווייל ער האָט ניט ענטזאגט קיינעם וועלכער האָט זיך צו איהם געווענדעט נאָך הילף, און דאָס האָט געפיהרט צו דעם, דאָס ווען ער איז נפטר געוואָרען איז ער געבליבען א בעל חוב, און די ביאַליסטאָקער קהלה האָט באצאָהלט זיינע חובות, ניט אַכטענדיג וואָס ביאַליסטאָקער רבנות האָט איהם אריינגעבראכט שעהנע שכירות, אויסער זיין פריוואַט פאַרמעגען וועלכען ער האָט געוואונען פון א לאָטערי צעטעל העכער צוואַנציג טויזענד רובעל.

זיין סעקרעטער פאר ציוניסטישער ארבייט, דער באַריהמטער הרב ר׳ יצחק ניסנבוים דערצעהלט א פיינעם ספור וועגען די געוואונענע געלט, וועלכע קען דינען פאר א שעהנע אָפּשאצונג פון ר׳ שמואל׳ס כאַראַקטער. הרב מאָהיליוועור איז געפאָרען אין באדע פלאץ „עמס״ וואו ער האָט מיטגענומען זיין גאַנצע געלט. פרייטאג פארנאכט האָט ער באַהאַלטען די געלט אין טראָנקס פון די קליידער, די שליסעל פון טראָנק האָט ער אריינגעלייגט אין א צווייטען טראַנק, און די צווייטע שליסעל האָט ער באַהאַלטען אין א געוויסען פלאַץ און ער איז אוועק אין שוהל מקבל שבת זיין. קומענדיג פון שוהל האָט ער נאָכגעזעהן אויב די שליסעל ליגט אין דעם פלאץ וואו ער האָט אוועקגעלייגט, און געפינענדיג די שליסעל אין ריכטיגען פלאַץ איז ער זיכער געווען אז אלעס איז אין ארדענונג. עס איז אבער אוועק אייניגע שטונדען און זיין בחור דער משרת וועמען ער האָט מיטגעבראכט פון ראַדום באוויזט זיך ניט, איז איהם געוואָרען די זאַך פאַרדעכטיגט, עפענענדיג זיין טראַנק האָט ער באלד דערזעהן דאָס מען האָט אוועקגעגנב׳ט די גאַנצע געלט ביז א פרוטה. דער בעל אכסניה וועלכער איז געווען דער שטאָדט שוחט איז געוואָרען בייז אויף אַזאַ רב א בטלן וועלכער איז ניט פאַרזיכטיג מיט געלט, און איז צוגעשטאנען צו ר׳ שמואל ער זאָל מעלדען די גניבה אין פאָליציי, אויף דעם האָט ר׳ שמואל געענטפערט: „היינט איז שבת און איך וועל ניט מחלל זיין די קדושת השבת דורך דברי חול״.

צווישען די געסט אין אכסניה האָבען זיך געפונען אזעלכע וועלכע האָבען די גאנצע זאַך וועגען דער גניבה ניט געגלויבט, ווייל ווי קומט אזוי פיעל געלט צו א פוילישען רב, און האָבען די געשיכטע באַטראַכט אלס א שווינדעל פון א „שנאָרער" צו קלייבען נדבות פון די אורחים וועלכע וועלען אויף איהם מיטלייד האָבען, און צוליעב דעם האָט קיינער פון די געסט איהם ניט אויסגעליהען א קליינע סומע געלט פאר דער באלדיגער הוצאה ביז ער וועט באקומען געלט פון דער היים. צום גליק האָט ער דאָרט געטראָפען זיין פאַרעהרער און פריינד דעם חשוב'ען ווילנער באנקיר „הוראדישץ", וועלכער האָט איהם געליהען א סומע געלט פאר די באלדיגע אויסגאבען, און דאָ האָט פאַסירט א וואונדער, דאָס דעם נעכסטען שבת ווען הרב מוהיליווער איז געקומען פון שוהל, האָט די שטאָדטישע פּאָליציי איהם געמאָלדען אז מען האָט געכאפּט דעם גנב אין האמבורג מיט די גאנצע געלט, ווען ער האָט געוואָלט ארויפשטייגען אויף דער שיף וועלכע פאָרט קיין אמעריקא.

הרב ניסנבוים דערצעהלט דאָס ער האָט געפונען צווישען הרב מאָהיליווער'ס כתבים א בריף פון דעם גרויסען גאון ר' אליהו חיים מייזעל דער רב פון לאָדזש. אין דעם בריף בעט ער הרב מאָהיליווער אז ער זאָל מתפלל זיין פאַר איינעם א קראַנקען און ער שרייבט דעם חולה'ס נאָמען.

ווי באַקאַנט איז ר' אליהו חיים מייזעל געוועזן ר' שמואל'ס גרעס־טער געגנער אין זיין ארבייט פאר חבת ציון, און דאָך האָט ער רעספּעק־טירט ר' שמואל'ס צדקות און געגלויבט אז זיינע תפלות ווערען אָנגע־נומען.

אָנפאַנג פון דיזען פרק ווערט דערמאָנט וועגען דער כלל־טועריי פון ר' שמואל'ן ווען ער איז געוועזן רב אין סובאלק אין דער צייט פון פוילישען אויפשטאנד געגען דער רוסישער רעגירונג, אז דורך זיין שתדלנות האָט ער מציל געווען פילע אידען פון טויט. וועגען די פאַסירונגען דערצעהלט הרב יצחק ניסנבוים אין זיין ספר „עלי חלדי" א וואונדערבארען ספור וועגען ר' שמואל'ס מסירת נפש און צו דער זעלבער צייט די סיעתא דשמיא, דאָס די רוסישע רעגירונג זייענדיג איבערצייגט אין זיין געטריישאַפט צו איהר האָט זיך געפיהלט צו איהם פארפליכטעט ניט צו ענטזאגען זיינע א בקשה. און די געלעג־נהייט האָט ער אויסגענוצט ווען עס האָט פאסירט אז אום ראש השנה אין יאָהר תרכ"ג איז אָנגעקומען אין סובאלק א פּאָלק קאָזאקען

מיט א גענעראל וועלכע האָבען פארנומען די שטאָדט. אין איניגע טעג שפּעטער האָט דער גענעראל אַרעסטירט צעהן פון די שעהנסטע בעלי בתים אלס פאַרדעכטיגטע רעוואָלוציאָנערען. א טויט שרעק איז באַ־פאַלען די אידישע געמיינדע. ערב יום כפור האָבען זיך די פאַמיליעס פון די ארעסטירטע געווענדעט מיט א בקשה צום רב און די פאָרשטעהער פון דער קהלה דאָס זיי זאָלען זיך משתדל זיין ביים גענעראל ער זאָל וועניגסטענס באפרייען די ארעסטירטע אויף יום כפור. נאָך א שטאַרקען ישוב הדעת איז באשטימט געוואָרען פּרובירען די השתדלות ניט קוקענדיג אויף דער סכנת נפשות וועלכע איז פאַר־בונדען אין דעם, און א קאָמיטע פון בעלי בתים מיט דעם רב אָן דער שפּיצע האָבען איבערגעגעבען זייער בקשה צו דעם גענעראל. אויסהערענדיג זייער פאַרלאַנג איז דער גענעראַל געוואָרען שרעקליך אויפגעקאָכט, און קלאַפּענדיג מיט די פּיס האָט ער אויסגעשריען: „ארויס פון דאַנען אומפארשעהמטע אידען, איהר האָט די חוצפה צו קומען בעטען פאר מאטעזניקעס". די דעלעגאַציע האָט מיט שרעק באַלד פארלאָזען די הויז פון גענעראל. אַפּגעהענדיג א שטיקעל וועג, האָט א קאָזאַק נאָכגעשריען: „בלייבט שטעהן". א טויטע שרעק איז באַפאַלען די דעלעגאַציע, ווען דער קאָזאַק איז צוגעקומען האָט ער א פרעג געגעבען: „איז דער רב אויך מיט אייך" און קריגענדיג דעם ענטפער דאָס „ער איז דאָ", האָט ער געהייסען דעם רב צוריקגעהן צו דעם גענעראל. דער רב איז מיטגעגאַנגען מיט דעם קאָזאַק, און אין א קורצע וויילע האָט ער זיך צוריקגעקערט צו די וואַרטענדע דעלעגאַציע מיט א שטראַהלענדען געזיכט און ער דערצעהלט דאָס דער גענעראל האָט איינגעוויליגט צו באפרייען די ארעסטירטע ביז מוצאי יום כפור אויף דער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון רב וועלכער האָט זיך פאַרפליכטעט זיי צוזושטעלען צוריק מוצאי יום כפור. אַזאַ שרעק־ליכען יום כפור האָט קיינמאָל די סובאלקער קהלה ניט דורכגעמאַכט, מיט אזוי פיל בכיות און יללות. נאָך דער תפלה פון נעילה זיינען די ארעסטירטע צוגעקומען צום רב צו נעמען אפּשייד און צוריק געהן אין פּריזאָן, אָבער דער רב האָט זיי געזאָגט דאָס עס איז צייט צוריק צו געהן, מיר וועלען צוערשט דאווענען מעריב און איהר וועט געהן אהיים אָפּפאַסטען און נאכהער קומט צו מיר. א שטונדע שפּעטער זיינען די צעהן ארעסטירטע מיט זייערע פאַמיליעס געקומען צום רב, אום פון רב'ס הויז צו געהן צום פּריזאָן, אבער דער רב האָט ווידער געזאָגט, דאָס עס איז דאָ צייט, „איך בין דאָך פאַראַנטוואָרטליך פאר אייער

צוריק קומען, געהט צוריק אין אייערע היימען נעכטיגט איבער די נאכט און מאָרגען פריה וועל איך געהן מיט אייך צום גענעראל". פאסירט האָט אבער א נס, דאָס די זעלבע נאכט האָט דער גענעראל מיט זיין פאָלק קאָזאקען פארלאָזען די שטאָדט, פארגעסענדיג די אידישע ארעסטירטע, וועלכע זיינען נצול געוואָרען על פי נס.

ג.

ביז אהער האָבען מיר אָנגעוויזען אויף דער גרויסקייט פון ר' שמואל מאָהיליווער אלס רב און כלל־טוער. אין דעם ווייטערדיגען קאַפּיטעל וועלען מיר זיך אָפּשטעלען איבער זיין קאָלאָסאַלע ארבייט אלס חובב ציון און אלס הרצל־ציוניסט צוליעב וועלכער ער האָט זיך מוסר־נפש געווען, אונערמידליך געארבייט אונטער די גרעסטע שוועריגקייטען אָנפאנגענדיג אין א צייט ווען דער ישוב ארץ ישראל געדאַנקען איז געווען גאַנץ פרעמד דעם ברייטען אידישען עולם—באַזאָנדערס איז די געגנערשאַפט גרויס געווען מצד די רבנים גדולי הדור וועלכע האָבען ניט מסכים געווען מיט דעם רעיון פון ישוב ארץ ישראל. א טייל זיינען געווען שארפע געגנער, ווייל זיי האָבען געפונען אין דער ארבייט פון חבת ציון א ווידערשפּרוך צו די אמונת המשיח, וואָס דאַרף קומען דורך דעם רבונו של עולם דורך נסים, און אום אָפּצושלאָגען די טענה האָט מען געמוזט שאַפען געוויסע ספרים און דרשות צו ערקלערען דאָס דער רעיון פון חבת ציון האָט ניט צו טאָן מיט דער געהאָפטער גאולה וועלכע וועט קומען צוזאַמען מיט דעם קומען פון משיח, און א טייל זיינען געוואָרען געגנער צוליב די פיהרער פון חבת ציון וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען די אָנפיהרער פון מאָדערנע השכלה, און דעריבער האָבען זיך די פרומע עלעמענטען געשראָקען דאָס די משכילים וועלען קריגען די אויבער־האַנט.

נאָך שטאַרקער איז געוואָרען די געגנערשאַפט ווען עס האָט אָנגעפאנגען קומען ידיעות וועגען די ערשטע באַזעצער אין ארץ ישראל, דאָס זייער אויפפיהרונג איז ניט רעליגיעז, און ספּעציעל האָט גע־הערשט א אומצופרידענהייט וועגען די בתי ספר, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען פון די חובבי ציון, וואו מען האָט אין זיי געלערענט נאָך דעם פרייען גייסט פון ביבעל קריטיק. איינער פון די גרויסע געגנער פון די אלטע חובבי ציון איז געווען דער באריהמטער גאון פון לאָדזש ר'

אליהו חיים מייזל ז"ל. אונטער אזוינע אומשטענדען קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען ווי שווער עס איז געווען פאר אַזא רב ווי ר׳ שמואל, א אמת׳ער שטרייגער פרומער רב, צוזושטעהן צו א באַוועגונג געגען דער אומצופרידענהייט פון זיינע חברים די גדולי הרבנים.

עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו דערצעהלען וועגען אלע אספות און וויכוחים׳דיגע קאָרעספּאָנדענציעס וועלכע הרב מאָהיליווער האָט אָנגעפיהרט מיט געגנער, וויפיעל אונאנגענעהמליכקייטען ער האָט געהאַט דורכצומאכען אויף זיינע רייזעס צו געווינען די חשוב׳ע פיהרער ווי אויך דעם דורכשניטליכען עולם פאר דעם געדאַנק פון חבת ציון, אָבער דאָס האָט איהם ניט שוואַכער געמאכט אין זיינע הייליגע ארבייט פאר ארץ ישראל, אדרבה וואָס מעהר שוועריגקייטען אלץ מעהר איז ער איבערצייגט געוואָרען אז זיין ארבייט איז א הייליגע און מען מוז דורכמאכען די יסורי הצדיקים, ביז ענדליך וועט זיין ארבייט האָבען ערפאָלג, און אזוי האָט אויך פּאַסירט.

די ערשטע ארבייט פון הרב מאָהיליווער פאר ארץ ישראל האָט זיך אָנגעפאנגען אין יאָהר תרמ"א, דער יאָהר פון די גרויסע פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד. די אידען פון רוסלאַנד זיינען אין טויזענטער אנטלאָפען נאָך אויסלאַנד. די גרעסטער צאָהל פון זיי האָבען זיך געוואַלגערט אונטערן פרייען הימעל, אין לעמבערג און בראָד. די איינפלוסרייכע אידען האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין לעמבערג צו באַטראַכטען מיטלען ווי צו העלפען די אומגליקליכע אידישע פליטים און זיי האָבען באשלאָסען צו שיקען די היימלאָזע נאָך אמעריקא. דאן איז ר׳ שמואל געקומען אין לעמבערג און האָט פּרובירט בעאיינפלוסען די אסיפה, אַז אַנשטאָט אמעריקא זאָל מען שיקען די היימלאָזע נאָך ארץ ישראל, אָבער צום באַדויערן האָט ער ניט געקענט ווירקען אויף די גדולים מיט זיין פאָרשלאַג, אבער אין גאַנצען נוצלאָז איז זיין אגי־טאַציע ניט געווען. זיינע האַרציקע ווערטער וועלכע זיינען ארויס פון א ריינער הארץ האָבען אריינגעדרונגען אין די הערצער פון הערר מונטאגא און זיינע חברים פון דער דעלעגאציע. זיי זיינען פארבלי־בען ר׳ שמואל׳ס פריינד און אָנהיינגער פון ציון אידעאל. אין יאָהר תרמ"ז ווען ה׳ מונטאגא האָט באזוכט רוסלאַנד איז ער אויך געווען אין ביאַליסטאָק און איינגעשטאנען אין הויז פון הרב מאָהיליווער.

אין יאָהר תרמ"ב האָט ר׳ שמואל געגרינדעט איןווארשא די ערשטע אגודה „חובבי ציון", וועלכע איז געווען דער מאָדעל פאר די אגודות וואָס זיינען נאָכהער געגרינדעט געוואָרען. אין ווארשא האָט

ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט די גאונים ר׳ יוסף בער סאלאוויצ'יק דער רב פון בריסק און ר׳ אליהו חיים מייזעל דער רב פון לאָדז, און די דריי גאונים האָבען גע'חתמ'עט א קול קורא אלס אגיטאציע פאר ישוב ארץ ישראל, וועלכער איז צושיקט געוואָרען צו אלע רבנים. דער קול קורא לייענט זיך טיילוויז ווי פאָלגט:

„דער נויט ברענגט אונז צו ריידען קלאָרע ווערטער, וועלכע נאָך אונזער מיינונג זיינען נויטיג צו פאַרהיטען פון אומגליק עס איז ניט אנגענעם פאר יעדען ריכטיג זעהענדיג מענשען, פאר יעדען וועלכער ליעבט זיין פאָלק און רעליגיע, צוצוקוקען ווי גאַטעס פאָלק איז צושפרייט, זיי אנטלויפען אויס די מורא פון אונטערדריקער, אָבער ווען מיר גיבען זיך א פרעג וואוהין? מוזען מיר ענטפערען: „פון נעץ אין גרוב". זיי לויפען נאָך אמעריקא, וואו עס איז ניט פאראן רעליגיאָן, מאָראל, תורה און יראת שמים. מען ווייסט גאָר ניט ווער עס איז א איד, ווייל מען דערקענט ניט דעם אידיש פנים, זיי שעה־מען זיך צו דערמאָנען דעם נאָמען איד, טאָמער וועט מען זיי פאר־שעהמען.

„צוליעב די דערמאָנטע טעמים געפינען מיר זיך פאַרפליכטעט צו בעטען ביי יעדען וועמען ג'ס תורה איז ביי איהם טייער, דאָס אמעריקא זאָל חלילה ניט ארויף אויף זיין געדאנק, עס איז בעסער פאר אונז א שטיקעל טרוקען ברויט אין אונזער מדינה, זאָגאר עס איז חס ושלום אָהן רוהיגקייט, ווייל דאָ איז פאר אונז מעגליך צו האַלטען אלץ וואָס איז געשריבען אין אונזער הייליגער תורה.

„נאָר אויב די נויט ברענגט צו זוכען א פּלאַץ פאר אונזערע גע־שלאָגענע און געפּלאָגטע ברידער, איז נאָר דאָ איין וועג צו געהן אין אונזער הייליג לאַנד, אבער מען דאַרף ניט געהן איבעראיילינג, נאָר מיט רעכענונג און איבערלייגונג. נאָך אונזער מיינונג איז ראַט־זאַם דאָס מען זאָל גרינדען אין יעדע שטאָדט אגודות, וועלכע יעדע זאָל באשטעהן ניט ווענינער ווי פון צעהן מענשען וואָס יעדער האָט געגעבען טויזענד דאלאר, און מיט דער סומע פון צעהן טויזענד דאָ־לאר זאָל מען קויפען לאַנד און בויען הייזער, און איינקויפען אָקער־געצייג, קיה און שעפּסען. עס מוז אָבער פאַרשטאַנען ווערען, אז מען מוז אויסקלייבען איינעם אדער צוויי לייטע וועלכע זאָלען פאָהרען נאָך ארץ ישראל און זאָלען אלעס צוגרייטען א יאָהר בעפאָר, כדי דאָס ווען די איבעריגע חברים וועלען קומען זיך באַזעצען זאָלען זיי שוין געפינען א מעגליכקייט זיך צו מפרנס זיין".

אָבער ר׳ שמואל׳ס שמחה וואָס ער האָט געווירקט אויף די צוויי דערמאָנטע גאונים ר׳ יוסף־דובער און ר׳ אליהו חיים מייזל, דאָס זיי זאָלען חתמ׳ן דעם צירקולאר, האָט ניט לאַנג געדויערט. די דערמאָנטע גאונים האָבען זיך צוריקגעצויגען, און ער איז געבליבען אליין אין זיין ארבייט פון חבת ציון, דעריבער האָט ער באַשלאָסען ענדע יאָהר תרמ״ב ארויסצופאָהרען אויף אַן אַגיטאציע רייזע אין דייטשלאנד, צו באַוועגען די דאָרטיגע אידישע גדולים פאר דעם ציון געדאַנק. אבער זיין ארבייט איז ניט געלונגען, ער האָט פארלאָזען דייטשלאנד דער־שלאָגען, און איז געפאָרען נאָך פאריז, ווייל דאָרטען האָט צייטווייליג זיך געפונען באראָן הערץ גינזבורג און עס איז ארומגעגאַנגען א קלאַנג דאָס דער באַראָן גינזבורג האָט בדעה צו גרינדען א קאָלאָניע צו באַ־זעצען אין ארץ ישראל פופציג אידישע משפחות. צו דערזעלבער צייט האָט ער געהאָפט צו באַוועגען די פיהרער פון די חברה „כל ישראל חברים״, וועלכע האָבען געגרינדעט די שולע „מקוה ישראל״ דאָס זיי זאָלען פאָרטזעצען זייער ארבייט, אבערביידע האָפענונגען זיינען דורכגעפאלען, דאן האָט ר׳ שמואל אָנגעפאנגען ארבייטען מיט דעם הויפט רב אין פאריז הרב ר׳ צדוק הכהן איהם צוקריגען אלס מיטהעלפער צום ישוב ארץ ישראל אידעאל צו באַזעצען רוסישע אידען אין אונזער הייליג לאַנד, אבער ר׳ צדוק הכהן האָט די גאנצע זאַך אַוועקגעמאכט מיט דער האַנט, באמערקענדיג דאָס רוסישע אידען זיינען ניט פעהיג צו ערד־ארבייט. די באַמערקונג האָט אויף ר׳ שמואל געמאכט א טרויעריגען איינדרוק, און ער האָט זעהר אויפגערעגט געענט־פערט הרב ר׳ צדוק הכהן „דאָס דער אָפקלאַנג פון אייזען הערט זיך שטארקער ווען ער קריגט דעם קלאַפּ דורך זיין ברודער דעם אייזען. מיר זיינען געוואהנט צו הערען אזעלכע ווערטער פון אונזערע שונאים, אָבער דער ווייטאָג איז זייער גרויס ווען מען הערט אזעלכעס פון אן אייגענעם ברודער און נאָך דערצו א געעהרטער רב. איהר גיט ארויס אַזאַ שארפען משפט אויף פינף מיליאָן נפשות ניט קענענדיג זיי. איהר פראנצויזישע אידען אורטיילט וועגען זיי נאָך די אידען וועלכע קומען ביי אייך בעטען און שנאָרען, אָבער די גרעסטע צאָהל רוסישע אידען האלטען זיך ניט צוריק פון ארבייטען שווער פאר זייער שטיקעל ברויט, נאָר ניט אָנצוקומען צו מענשען״.

ר׳ צדוק האָט זיך פארענטפערט און ענטשולדיגט „דאָס ניט ער האָט ארויסגעגעבען אזא שווערען אורטייל וועגען די רוסישע אידען, נאָר די פיהרער פון דער חברה „כל ישראל חברים״, און בנוגע באראָן

גינזבורג, וואָס ער האָט אייך ענטזאגט, געפינט זיך דאָ א יונגערמאַן אויך א באַראָן, פיליכט איז ווינשענסווערט צו ריידען מיט איהם וועגען דעם ענין. דורך די השתדלות פון הרב צדוק הכהן מיט דער הילף פון מיכאל ערלאַנגער האָט דער יונגער באַראָן עדמאנד ראָטשילד צוגעשטימט צו געבען א אוידיענץ צו הרב מאָהיליווער דעם ערשטען טאָג סוכות צוויי אוהר נאָכמיטאג אין יאָהר תרמ״ג. פאר א ליטווי־שען רב ווי ר׳ שמואל איז דאָס געווען א גרויסע איבערלעבונג זיך צו טרעפען פנים אל פנים מיט אַזאַ גרויסע פערזענליכקייט ווי דער באַראָן עדמאנד ראָטשילד, און איבערהויפט פאַרשטעלענדיג זיך די הייליגע שליחות וועלכע ער דאַרף דורכפיהרען, אבער די תקוה אין ג׳ און די הייליגע שליחות האָט איהם געשטאַרקט. צום באַראָן איז ער געקומען אין באגלייטונג פון הרב צדוק הכהן און מיכאל ערלאַנגער. דער באַראָן האָט איהם קאָלט אויפגענומען, און איהם געבעטען ערקלע־רען דעם צוועק פון זיין קומען.

ר׳ שמואל האָט געענטפערט „ענטשולדיגט מיר, הערר באַראָן, פאר מיין ריידען צו אייך אין דעם וועג וואָס איך בין געוואוינט צו ריידען צו מיין געמיינדע. איך בין א רב פון אלטען בית המדרש, און איך רייד שטענדיג מיט משלים און מליצות״. א שמייכעל איז אריבער איבער דעם באַראָנ׳ס ליפען, און ער האָט געזאָגט אין א הארציגען טאָן: „איך וועל אייך אויסהערען גאנץ גערן״. דאָ האָט ר׳ שמואל פאָרטגעזעצט. „איך האָב אימער געזוכט אן ענטפער צו דער שווערער פראגע, ווארום האָט ג׳ אויסגעקליבען משה רבינו, וועל־כער איז געווען א „כבד פה״, דאָס ער זאָל זיין פיהרער און אויסלייזער פון די אידען. צו אַזאַ פאָליטישע שליחות וועלכען מען דאַרף פאַר־האַנדלען מיט דעם קעניג פון מצרים איז פון דער גרעסטער וויכ־טיגקייט צו האָבען א קלאָרע פליסיגע שפראך, און דוקא די זעהר נויטיגע מעלה האָט משה׳ן געפעלט. זעהר לאַנג האָב איך וועגען דעם געקלערט און קיין ערקלערונג ניט געפונען, און איצט דורך דעם זכות וואָס איך האָב צו שטעהן פאר אייך און ריידען פאר מיין אומ־גליקליכע פאָלק בין איך דערגאַנגען דעם טיפען סוד פון מיין פראגע. משה רבינו איז אויסגעקליבען געוואָרען ניט נאָר צו זיין א פיהרער ביי אידען, נאָר אויך געבען די תורה, און דעריבער ווען משה רבינו וואָלט געווען באַגאַבט מיט א שאַרפען באצויבערענדען צונג, וואָלטען מענשען געהאט א רעכט צו זאָגען דאָס די תורה איז ניט „מן השמים״ ניט געגעבען פון ג׳, נאָר משה מיט דעם צויבער פון

זיין שפּראַך אונטער דעם איינדרוק פון מאָמענט האָט אויף זיי גע־ווירקט צו נעמען די תורה. אנדערש איז אבער ווען משה איז געווען א שלעכטער רעדנער און דאָך האָבען אידען גענומען די תורה דורך איהם, איז א גרויסע איבערצייגונג דאָס פון זיין האַלדז האָט די שכינה גערעדט, און ער איז נאָר געווען ג'ס שליח זיי די תורה צו געבען.

„געעהרטער באַראָן, האָט ר' שמואל פאָרטגעזעצט, ביי דיזען טיש וואו איהר זיצט איצט קומען פאָרשטעהער פון רעגירונגען, שטארקע פּאָליטיקער, שלוחים פון פינאנציעלע אָרגאַניזאציעס, זיי לייגען אייך פאַר פארשידענע פּלענער, וועגען בויען אייזענבאהנען, גראָבען קאַנאַלען און באַזעצען וויסטע לענדערייען. זיי קומען מיט ברייטע און קלאָרע ידיעות וועגען דעם ענין וועלכען זייריידען, און זיי איבערצייגען אייך די גרויסע פאַרדינסטען און גוטען צוקונפט פון זייערע פּלענער. איך בין אויך צו אייך געקומען מיט א שליחות פון מיינע ברידער, מיט א גרויסען חשוב'ען פאָרשלאג וואָס אין דעם ווענדעט זיך די נשמה פון אונזער פאָלק, די באַזעצונג פון ארץ ישראל, אבער צום באדויערן בין איך א „כבד פה" צו דערקלערען און איבערצייגען פאר אייך געעהר־טער באַראָן די גאַנצע גרויסקייט און וויכטיגקייט און די גליקליכע צוקונפט וועלכע ליגט אין דעם פּלאַן פאַר אונזער פאָלק. אויב איהר וועט אויסהערען מיין פאָרשלאג און וועט ענטפערען דעם פאַר־לאַנג פון אייער אומגליקליכע פאָלק, וועט דאָס באַווייזען, דאָס דער שיקזאַל פון אונזערע געפּייניגטע און געווייטאָגטע ברידער האָט באַ־רירט אייער הארץ, און אויב אפילו איהר וועט ניט ממלא זיין מיין בקשה, און איך וועל פון אייך אוועק ליידיג, וועל איך אויך ניט חרטה האָבען אויף מיין שווערע רייזע, וועלכע האָט מיר פאַרשאַפט פיעל קער־פּערליכע און גייסטיגע יסורים, ווייל איך וועל פון אייך אוועק מיט דעם באַוואוסטזיין דאָס איך האָב ערפילט מיין חוב צו מיין פאָלק, און איך האָב געטאָן מיין שליחות."

ווען ר' שמואל האָט געענדיגט זיין רעדע, האָט דער באַראָן געענט־פערט: „רבי, אויב איהר פאַרלאַנגט געלט שטיצע פאר דער ארבייט, זאָגט וויפיעל איהר דאַרפט וועל איך געבען, אבער אויב איהר ווילט געווינען מיין נשמה מוז איך די זאַך גוט דורכטראכטען און מאכען צו־ערשט א פּראָבע".

דער רעזולטאַט פון דעם באזוך ביים באַראָן איז געווען דאָס אין א פּאָר וואָכען נאָך דעם באזוך האָט הרב מאָהיליווער ערהאַלטען א בריף פון הרב צדוק הכהן, דאָס דער באַראָן האָט איינגעשטימט צו מאַכען

א פראָבע דורך צעהן אדער צוועלף יונגע מענשען פון רוסלאנד וועלכע זאָלען זיך לערנען ערד־ארבייט איינ־גע חדשים אין „מקוה ישראל״ קאָלאָניע אין ארץ ישראל, און נאָכדעם ווי זיי וועלען זיך אויסלערנען וועט מען זיי געבען לאַנד וואס זאָל זיין גענוג צו ערנערען זיך און זייערע פאמיליען, אויך וועט מען זיי העלפען אויפבויען הייזער און אלעס וואס פאָדערט זיך פאר לאנד־ארבייט. די געלט ווערט זיי געגעבען אלס א הלואה, דאָס ווען ג׳ וועט זיי העלפען זאָלען זיי צוריק צאָהלען און די געלט וועט באַנוצט ווערען צו העלפען נאָך פאמיליעס.

מיט א פרעהליך הארץ פול מיט האָפנונג איז הרב מאָהיליוועער אוועק פון פאריז נאָך זיין שטאָדט אום צו געפינען דאָרט די פאסיגע מענשען מיט וועמען צו מאַכען די ערשטע פראָבע דורך די הילף פון באַראָן עדמונד ראָטשילד, וועלכער איז שפּעטער געקרוינט געווארען מיט דעם נאָמען „נדיב הידוע״. הרב מאָהיליוועער האָט געוואוסט דאָס מען מוז מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט אויסקלייבען די ערשטע מענ־שען, וועלכע דארפען דינען אלס מאַטעריאל צו דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, ווייל אויב חלילה די ערשטע פראָבע איז א דורכפאל וועט דער באַראָן זיך צוריקציהען. צוליעב דעם איז ער אריינגעפאָהרען אין ווארשע און האָט זיך באַראַטען מיט די איבערגעבענע חובבי ציון. זיי האָבען איהם געראַטען זיך צו ווענדען צו א געוויסען דאָרף ניט ווייט פון דער שטאָדט רוזינאַו וואו עס האָבען זיך געפונען אידישע ערד־ארבייטער עהרליכע מענשען. און אזוי האָט פאסירט. ער האָט דורך די הילף פון הרב ר׳ מרדכי גימפּעל דער רב פון רוזינאַי אויסגע־קליבען עלף משפחות וועלכע זיינען אוועק נאָך ארץ ישראל, און דער נדיב האָט פאר זיי געבויט די ערשטע אידישע קאָלאָניע אין ארץ ישראל מיט׳ן נאָמען „עקרון״, וועלכע מען האָט נאָכהער געביטען דעם נאָמען צום אָנדענקען פון דעם נדיב׳ס מוטער „מזכרת בתיה״.

אין יאָהר תרמ״ה האָט הרב מאָהיליוועער גערופען אן אסיפה אין פעטערבורג, וועלכע איז געווען א פאָלשטענדיגער דורכפאַל. ביי יענער אסיפה זיינען געקומען פּראָפעסאָר בקסט און דר. קאַנטאָר און האָ־בען מיט איהם דיסקוטירט, געשטעלט פראַגען און מבטל געווען דעם גאַנצען פּלאַן. ר׳ שמואל האָט רוהיג אויסגעהערט און געלאָסען געענט־פערט, אבער אומערווארט האָבען זיי געזוכט צו דערווייזען דאָס חבת ציון איז געגען אמונת המשיח, דאן האָט זיין געדולד געפּלאַצט און מיט כעס האָט ער זיי אָפּגעענטפערט: „אמונת המשיח דאָס איז מיין

זאַך, ווייל איך גלויב אין משיח, אבער ניט אייער זאַך, ווייל איהר לייקענט אין משיח".

אין יאָהר תר"ן האָט הרב מאָהיליווער באשלאָסען צו באזוכען ארץ ישראל און זיך איבערצייגען ווי ווייט אמת עס זיינען די קלאַנגען, אז דער ישוב איז ניט אידיש. אין י"ט אייר תר"ן האָט ער זיך געזעצט אויף דער שיף און איז אָנגעקומען אין ארץ ישראל ראש חדש סיון וואו עס זיינען ארויסגעקומען איהם מקבל פנים זיין די גרעסטע רבנים און בעלי בתים פון ארץ ישראל און האָבען איהם צוגעטיילט גרויס כבוד.

קומענדיג פון ארץ ישראל, נאָכדעם ווי ער האָט אויסשטודירט די מאַטעריעלע און מאָראַלישע לאַגע און ער האָט זיך איבערצייגט אז די שלעכטע רייד וועגען ישוב איז נאָר ריינע לשון הרע פון מרגלים, האָט ער געשריבען אין די צייטונגען א לאַנגען ארטיקעל אונטער דעם נאָמען „מטרת נסיעתי לארצנו הקדושה", וואו ער איבערצייגט אז די קאָלאָניעס בליהען, און בנוגע רעליגיע איז אויך ניט אזוי שלעכט. צום שלוס פון ארטיקעל שרייבט ער: „די הויפט שלוס פון מיין ארטיקעל איז דאָס יעדער וועלכער ליעבט ציון און ירושלים מיט א „אמת" זאָל זיך ניט באנוגענען נאָר מיט דעם גוטען ווילען, ער מוז אויך טאָן מיט זיין גוף און זיין געלט, דאַן וועט ג' באגליקען אונזער ארבייט און די חרוב'ע לאַנד וועט ווערען א כבוד און א שעהנקייט".

אין יאָהר תרנ"ג אין חודש אלול איז פאררופען געוואָרען א גרויסע אסיפה אין דער שטאָדט דרוזגעניק. ביי דיזער אסיפה וואו הרב מאָהי־ליווער איז געווען דער הויפט רעדנער איז באשלאָסען געוואָרען צו גרינדען א גייסטיגען צענטער פאר די חובבי ציון אונטער דעם נאָמען „מרכז רוחני", און דער גייסטיגער צענטער זאָל אָנפיהרען א גרויסע אַגיטאציע צווישען אלע פארטייען און ספעציעל צווישען שטרענג אָרטאָדאָקסישע אידען פאר דעם רעיון פון ישוב ארץ ישראל, און א צווייטער באשלוס דאָס מען זאָל פלאַנצען אין ארץ ישראל א אתרוגים גאָרטען „גן אתרוגים". דער „מרכז רוחני איז פארקירצט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „מזרחי". דער הויפט פון מזרחי איז באשטימט געוואָרען צו זיין אין ביאליסטאָק אונטער דער פיהרערשאַפט פון הרב ר' שמואל אין וועלכען הרב ר' יצחק ניסנבוים איז געווען דער סעקרעטער. דער פרטי־כל פון גן אתרוגים איז געדרוקט אין ספר שמואל וואָס הרב ר' יהודה ליב הכהן פישמאן האָט ארויסגע־

געבען צו דעם פינף און צוואנציגסטען יאָהרצייט פון הרב מאָהיליוועער ז״ל.

זיבען און צוואנציג טעג אין ניסן תרנ״ד איז הרב מאָהיליוועער געשטאָרבען זיבעציג יאָהר, און די „חובבי ציון״ פון דער גאַנצער וועלט האָבען געפייערט זיין געבורטסטאָג מיט פראַכט און גלאַנץ, און מען האָט באַשטימט דאָס דער גן אתרוגים פון ארץ ישראל זאָל זיך רופען אויף זיין נאָמען „גן שמואל״. הונדערטער געסט פון נאָהענט און וויט זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין ביאַליסטאָק איהם אָפצוגעבען א ברכה, אויך הונדערטער טעלעגראַמעס און ברכה בריף פון אגודות און די גרעסטע רבנים זיינען אָנגעקומען. צווישען די טעלעגראַמעס זיינען אויך געווען ברכות פון באַראָן ראָטשילד, באַראָן גינזבורג און ה׳ מאנטאגיו און מיט יעדען בריף איז געווען א נדבה פאַר דעם „גן שמואל״.

אין זעלבען יאָהר תרנ״ד האָט אין ירושלים זיך צוברענט א גרויסע מחלוקה צווישען די חלוקה נעמער און די משכילים, און די מחלוקה האָט זיך צושפרייט אויך אין חוץ לארץ, און אונאייניגקייט פון די פּאַרטייען האָט געפיהרט דערצו דאָס מען האָט געבראַכט א מסירה אויף דעם באַוואוסטען שרייבער בן יהודה, אז אין זיינעם אַן ארטיקעל אין דער צייטונג „הצבי״ רופט ער די אידען צו זאַמלען סאָלדאַטען פאַר א מלחמה געגען דער טערקישער רעגירונג. דער חשד פון דער מסירה איז געפאַלען אויף די פיהרער פון חלוקה.

אין דער זעלבער צייט האָבען די „בני משה״ געגרינדעט אין יפו דעם „בית ספר לבנות״. דער פיהרער פון „בני משה״ איז געווען „אחד העם״, און פון די תקנות פון דער חברה איז ארויסגעוואָרפען געוואָרען דער פּאַראַגראַף וועלכער רעדט וועגען רעליגיאָן, און צוליעב דעם האָבען די פרימערע חברים רבי יחיאל מיכל פינס און ר׳ אייזיק בן טובים ארויסגערופען א מלחמה געגען די „בני משה״. ר׳ מיכל פינס האָט ארויסגעלאָזען א פּאמפלעט מיט דעם נאָמען „אמת מארץ תצמח״ וואו די מלחמה איז געפיהרט געוואָרען מיט גרויס פאַרביטערונג, און אום צו וויסען ווי מען זאָל זיך פאַרהאַלטען אין די מחלוקה איז באשלאָסען געווארען צו הערען ר׳ שמואל׳ס מיינונג. זיין ענטפער איז געווען:

„איך וויל זיך ניט אריינמישען אין די מחלוקה, ווייל איך ווייס דאָס יעדער צד איז זייער פאַר׳עקשנ׳ט. איין זאַך בין איך אבער איבערצייגט דאָס בן יהודה האָט געזינדיגט ניט נאָר ווייל ער איז ניט פאָר־

זיכטיג אין שרייבען, נאָר נאָך מעהר, ווייל ער פאַרפאָלגט די חלוקה סיסטעם און האָט געמאכט די רבנים פאר גנבים, נאָר פיעל מעהר האָבען געזינדיגט די מענשען וועלכע האָבען איהם גע׳מסר׳ט און דורכדעם געשטעלט דעם ישוב אין סכנה. עס איז א טעות צו דענקען דאָס נאָר ר׳ שמואל סאלאנט איז שולדיג אין בן יהודה׳ס ארעסט, נאָר דער חכם באשי איז אויך שולדיג, ווייל זייביידע האָבען פיינט דעם נייעם ישוב. דער איינציגער וועלכער האָט ניט קיין האַנט אין דער מסירה איז דער גאון ר׳ יהושע ליב דיסקין, וועלכער איז א גוטער פריינד פון נייעם ישוב. און דאָך באמיה איך זיך צו מאַכען שוואַכער די מחלוקה ווי ווייט מעגליך. די חובבי ציון פון ווארשא און ווילנא האָבען געוואָלט צוברעכען די חלוקה, אבער איך האָב זיי דערקלערט, אז דאָס וועט נאָך גרעסער מאכען דעם קריג און דאָס וועט אוועקנעמען דעם לעבענס עקזיסטענץ פון א סך אומשולדיגע מענשען. זיי האָבען אָנגענומען מיינע רייד ניט צוברעכען די חלוקה, זיי האָבען אָבער זיך געווענדעט צו די פיהרער פון כולל אין ווילנא מיט א ווארנונג, און די ממונים האָבען זייער שטרענג געשריבען צו דער חלוקה פארוואל־טונג אין ירושלים דאָס זיי זאָלען אין דער צוקונפט אזעלכע מעשים ניט טאָן. עס איז טאקע אמת דאָס בן יהודה האָט געשריבען און גערעדט זאכען געגען רעליגיע, אבער לאָמיר זיך ניט זאָרגען צופיעל וועגען אנדערענס עברות, מיר זיינען אלע בעלי חובות, זאָל יעדער אָפּצאָלען זיין אייגענעם חוב, זאָל יעדער טאָן זיין חוב, און ניט זוכען פרעמדע חטאים. איך וועל ניט זאָגען דאָס דער ישוב האָט געמאכט פרייע אידען פאר פרומע, אבער דאָס קען איך זאָגען באשטימט, אז חבת ציון האָט נעהענטער געבראכט די הערצער פון פיעל אידען צו זייער פאָלק, און האָט אויפגעוואָרעמט זייער קאלטע אידיש הארץ. און בנוגע דעם בית הספר אין יפו האָב איך א באשטעטיגטע עדות פון איינעם פון מיינע מקורבים א ירא שמים, וועלכער שרייבט מיר דאָס זיין אייניקעל לערענט אין דעם בית ספר, און ער געפינט ניט אין איי־ניקעל א שפּור פון שוואכקייט אין רעליגיע, זעלבסטפארשטענדליך דאָס זיין עדות באציהט זיך ניט אויף די פרומקייט פון די לעהרער, נאָר אויף דעם לערנען".

א קורצע צייט שפּעטער האָט ר׳ שמואל סאלאנט געזוכט שלום מיט די חובבי ציון, און ער האָט פאָרגעשלאָגען צו הרב מאָהיליוווער און הרב ר׳ יצחק אלחנן פון קאָוונע, אז זיי זאָלען ווירקען אויף דעם ועד אין אדעס אויפצונעמען פאר דעם הויפּט פון קאָמיטעט אין יפו

א פרומען אידען, א גדול אין תורה, און ר׳ שמואל מאָהיליווער שרייבט צו ר׳ יצחק אלחנן: „עס וואונדערט מיר וואָס איהר שרייבט דאָס צוליעב אייער שוואַכקייט קענט איהר זיך ניט אינטערעסירען וועגען דעם. דאָס איז דאָך זייער וויכטיג צו האָבען אין יפו אלס ראש פון ועד א מענשען וואָס אויסער זיינע פעהיגקייטען אין ענינים פון ישוב זאָל ער זיין גרויס אין תורה און ירא שמים אום אלע זאָלען צו איהם האָבען צוטרוי און דער ישוב וועט דורכדעם בליהען. און וועגען אייערע קרעפטען וועט דער רבונו של עולם אייך שטארקען.״ ר׳ יצחק אלחנן האָט זיך געווענדעט צום קאָמיטעט אין אדעס, אבער דער פאר־לאנג איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען.

אין יאָהר תרנ״ו איז דר. הרצל ארויסגעקומען מיט זיין נייעם פאָליטישען ציוניזם און הרב מוהליבר איז געווען דער איינציגער גאון וועלכער האָט זיך באַלד געשטעלט ביי דער זייט פון דר. הרצל און איהם געהאָלפען אין זיין ארבייט. אין יאָהר תרנ״ו שרייבט ער א בריף צו מנחם מנדל אוסישקין וואו ער זאָגט: „אייער טייערען בריף ערהאַלטען. און איך דאַנק אייך זייער פיעל פאר די ידיעות און אויך פאַר דעם גערוס וואָס איהר שרייבט מיר אין דעם נאָמען פון דר. הרצל. און זייט אזוי גוט און גריסט איהם פון טיפען הארצען. איך קוש איהם פון וויטען פאר זיינע גרויסע פעולות וואָס איך האָף אז ער און זיינע גרויסע חברים וועלען ניט רוהען ביז זיי וועלען אויפ־הויבען דעם נאָמען פון אידען צווישען אלע פעלקער. און דער ג׳ פון ישראל וועט זיי קומען צו הילף. איך וואָלט זעהר געוואָלט זיין אויף זייער אסיפה אָבער איך בין אַלט און זייער שוואַך און עס איז אונ־מעגליך פאַר מיר צו פאָהרען אזא וויטע נסיעה. אָבער איהר מוזט קומען צו דער אסיפה.״

א יאָהר שפעטער אין תרנ״ז איז אָפגעהאַלטען געווארען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל. ר׳ שמואל איז צוליעב זיין שוואכען געזונט ניט געפאָהרען. אָבער זיין בריף וועלכען ער האָט צוגעשיקט צום קאָנגרעס האָט געמאכט א גרויסע ווירקונג און ער איז איבערזעצט געוואָרען אין אייניגע שפראכען. אין דעם היסטאָרישען בריף זאָגט ער:

„דער קאָנגרעס מוז דורכפיהרען דאָס די ציוניסטען וועלכע זיינען געטריי צו אונזער צוועק זאָלען צווישען זיך לעבען ברידערליך, זאגאר זיי זיינען צוטיילט וואָס אָנבעלאנגט אין די מיינונגען צווישען מענש און ג׳, ווייל מיר דאַרפען וויסען אז מיר מאַכען היינט דורך א גרויסע

שריפה, א שרעקליכער פייער ברענט אויף אונזער פאָלק און מיר אלע שטייען אין סכנה. מיר האָבען זייער פילע שונאים וועלכע ווילען אונז פאַרשלינגען און ווען אין אַזאַ צרה געפינען זיך ברידער וועלכע ווילען אונז העלפען טאָרען מיר זיי ניט פארשטויסען.״

ער זאָגט אויך ווייטער אין דעם בריף „דער יסוד פון חבת ציון איז אָבצוהיטען די גאנצע תורה ווי מיר האָבען געקראָגען בירושה פון דורות. מיר טאָרען גאָרניט אראָפּנעהמען. און אונזער תורה וועלכע איז דער קוואָל פון אונזער לעבען דאַרף זיין דער יסוד פון אונזער לעבען אין דעם לאַנד פון אונזערע אבות.״

דער ערשטער קאָנגרעס אָנערקענענדיג די גרויסע השפעה פון הרב מוהיליבר פאר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל האָט באשטימט איהם אויסצואוועהלען אלס איינעם פון די פיער „מורשים״ צו פיהרען די ציוניסטישע ארבייט אין רוסלאַנד. א עקסטרא שליח האָט דר. הרצל געשיקט אין ביאַליסטאָק, איהם איבערצוגעבען זיין ערוועהלונג און בעטען דאָס ער זאָל זיך ניט ענטזאגען אָנצונעהמען. ווען דער שליח איז געקומען איז הרב מוהיליבר זעהר קראַנק געווען און די דאָקטוירים האָבען איהם פארבאָטען יעדע אויפרעגונג און דאָך האָט ער אָנגענומען דעם אָמט מיט דער באַמערקונג: „מיינע לעצטע כחות און די ליצטע מינוטען פון מיין לעבען באלאנגען צו מיין פאָלק און מיין לאַנד.״

י״ט סיון, תרנ״ח, איז דער גרויסער גאון נפטר געוואָרען. פאַר זיין טויט האָט ער נאָך אונטערגעשריבען דעם לעצטען בריף וועגען דער אידישער קאָלאָניאל באַנק, וועלכע איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרען. זיין סעקרעטאר, הרב יצחק ניסענבוים, שרייבט אין זיינעם אן ארטיקעל פאָלגענדעס: „איך וויל באצייכענען דעם „אלף״ און „תיו״ פון הרב מוהליבר׳ס אידישע וועלט אָנשויאונג וועלכע דריקען זיך אויס אין פיער ווערטער „אחדות האומה״, ו„בנין הארץ״, די פאראייני־גונג פון אידישען פאָלק און אויפבוי פון אידישען לאַנד.״

און איצט צום פערציגסטען יאָהרצייט פון דעם גרויסען גאון מוזען פאר אונז זיין דיזעלבע צוויי יסודות פון אחדות האומה און בנין הארץ דער הויפּט געוויכט פון אונזער ארבייט.

הרב שמואל ק. מירסקי

ר׳ שמואל מאָהיליווער — טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער

„חכמת אדם תאיר פניו וחכמת איש האלקים אשר כבר נפשו בטוב תלין, תאיר במאמריו. האמנם אור גנוז הוא לוטה בערפל אבל כאשר נעמול להסיר מאתו פני הלוט הלוט אז יתנוצץ לעינינו באורו והדרו.״

מיט די ווערטער האָט ר׳ שמואל מאָהיליווער זצ״ל אָנגעפאנגען זיינעם א מאמר אונטער׳ן נאָמען „אושר האדם״, געדרוקט אין „הלבנון״, פון יאָהר 1874 נומער 26. מעהר אָנגעמאָסטען און צוטרעפענדער זיינען אפשר די ווערטער וועגען ר׳ שמואל מאָהיליווער אליין. זיין לייכטענדע נשמה שיינט ארויס פון יעדען איינעם פון זיינע מאמרים. דער באַהאַלטענער ליכט איז אפשר איינגעוויקעלט אינ׳ם פארנעפּעלטען סטיל פון זיין דור, — א משל און א מליצה. אבער, אז איהר נעמט זיך די מיה ארונטער צו נעמען די נעפּעלדיגקייט, בליצט אויף די גרויסע נשמה אין איהר שיין און שעהנקייט.

אין דערמאָהנטען מאמר „אושר האדם״ דערצעהלט ר׳ שמואל מאָהיליווער וועגען א פאַרזאַמלונג פון רבנים און אידישע פיהרער אין פעטערסבורג אין וועלכע ער האָט זיך באטייליגט (אין יאָהר תרל״ג). עס איז גערעדט געוואָרען וועגען דער אויסבעסערונג פון חנוך, ערמו־טיגונג צו ערלערנען פּראָדוקטיווע מלאכות, און באקענונג מיט דער לאַנדעס שפּראַך. אייגענטליך די באקאנטע אידעאלען פון „השכלה״. אבער, פון ווען אָן האָבען זיי אויפגעהערט צו זיין אויך די אידעאלען פון עכט־טראַדיציאָנעלען און היסטאָרישען אידענטום? זיינען די אָנוועזענדע רבנים טאקע געקומען צו א פאַרשטענדיגונג. אָבער, דע־מאָלסט הויבט זיך אָן א פרשה פון חשדות און אינטריגעס. און ר׳ שמואל מאָהיליווער האלט שוין ביים צווייפלען. אָבער ניין. דעם מאמר

ענדיגט ער דאָך מיט א שטארקען און וועקענדען רוף צו חברים רבנים און מיט א טאָן פון פולער זיכערקייט אין דעם זיעג פון אמת.

מיט א טיפען גאונישען בליק דרינגט ער דורך די אויבערפלעכע פון די גאַנגבאַרע אידייאישע מטבעות פון זיין צייט. יראה, השכלה, מוסר און קולטור. יראה און השכלה זיינען ענטגעגענגעזעצטע באַגריפען און ארום זיי גרופירען זיך מענשען אין צוויי קעמפענדע לאַגערן. ווייסט איהר פארוואָס? ניט ווייל זיי זיינען באמת געגנעריש איינע צו די אנדערע, נאָר ווייל זיי זיינען אויסגעמישט מיט א היבש ביסעל פסולת עלעמענט.

דער צוטריט צו השכלה איז געוואָרען א פראָפעסיאָנעלער. ס'איז ניט מעהר דער דראַנג צום וויסען, — גריכישער באגריף, און אודאי ניט דער שטאַרקער ווילען צו לערנען כדי צו אויסבעסערען זיך און אַנדערע, — אידישער באַגריף, תלמוד שמביא לידי מעשה, נאָר די שטרעבונג צו אייגעננוציגקייט און גשמיות'דיגע פארגעניגענס.

דער חטא פונ'ם ערשטען אדם, זאָגט ר' שמואל מאָהיליווער, איז ניט געווען זיין שטרעבונג צו וויסענשאפט. דאָס אליין איז דאָך געטליך און נאַטירליך. דער הויפט חטא איז באשטאנען אין דעם וואָס ער האָט פארוואנדעלט דעם בוים פון וויסען אין א בוים פון פרוכט צום עסען. דורך דעם האָט ער זיך אליין פארטריבען פון דעם גן־עדן אויף אונזער וועלט. דער פראָפאנער און פראָפעסיאָנעלער צוטריט צו השכלה וועט מוזען פארטרייבען דעם מאָדערנעם מענשען ווייטער פון דעם וועלטליכען גן־עדן אנשטאָט איהם צו דערנעהענטערען.

און אזוי איז אויך מיט יראה, אן און פאר זיך דערהויבענדיג און אויסאיידעלענדיג. ווערט אָבער יראה אויסגעמישט מיט קנאה און אנדערע מענשליכע שוואכקייטען ווערט עס פארוואנדעלט אינ'ם געפערליכסטען פאקטאָר פון זינד. אָט דאָס, זאָגט ר' שמואל מאָהי־ליווער איז אויך אנגעדייטעט אינ'ם צווייטען גרויסען זינד אין בראשית. קין און הבל זיינען פאָרלויפיג גאָר געטריבען געוואָרען פון א היילינען מאָטיוו — א קרבן פאר ג'ט. איז עס אָבער אויסגעמישט געווען מיט ברידערליכע קנאה און קריגערישקייט און דערפאר איז עס געוואָרען אזוי צושטערענדיג און ערשיטערענדיג אין די רעזולטאָטען. (יראה והשכלה הלבנון תרל"ד.)

ווער זשע נויט עס דעם אידישען פאָלק, וואָס איז אלע מאָהל געווען גענויגט איבערצונעמען אידעען פון אַנדערע פעלקער און אויס־לייטערען זיי פון זייער פסולת אזוי אז זיי פלעגען פארוואנדעלט ווערען

אין רייגעם גאָלד, איבערצונעמען „זייער יראה" און „זייער השכלה" אינ׳ם רויען, ניט־געלייטערטען פאָרם ?

דאָס זעלבע איז אויך מיט „מוסר" און „קולטור". קולטור איז א ניט אידישער באַגריף, געוואקסען אויף פרעמדען באָדען. פון דער נאַטור איז „קולטור" געווענדט צום קאָלעקטיוו, די אומגעבונג און די אויסערליכע געזעלשאפט. מוסר דאגעגען איז א אידישער באגריף. מוסר איז פון דער נאַטור געווענדט צו יעדען אינדיווידיאום באַזונדער. דורכ׳ן לעבען לויט אן אינערליכען מוסר, ווערט געשאַפען דער אינ־דיווידועלער, ווי אויך דער קאָלעקטיווער געגענזייטיגער אחריות גע־פיהל, וואָס פירט צום זעלבען ציעל פון קולטור, נעמליך די ארדנונג אין, און דאָס האַרמאָנישעס צוזאמענלעבען פון, א קבוץ.

אויבענאויף זעהן אָט די ביידע פאַקטאָרען אויך ווי אנטקעגענ־געשטעלט איינער צום אנדערען. מוסר פאָדערט עקסטרעמען און קאָנסעקוועטען אמת, וועהרענד קולטור באנוגענט זיך מיט אָנגע־נומענע פאָרמען און קאָנווענציאָנעלע ליגען. אין תוך גענומען זיינען אָבער ביידע נויטיג. פיעלע לעבענספאָרמען האָבען מיט מוסר אבסאָ־לוט קיין שיכות ניט. אזעלכע מעגען, און דארפען געוויס איבערגע־נומען ווערען פון פרעמדע פעלקער אזוי ווי זיי זיינען. האָבען דען ניט אונזערע חכמים געזאָגט: „פרסאי בהלכות סעודה בקיאי מינן", און זיי האָבען געלערענט מדות און דרך ארץ פון אלעמען (ספר שמואל עמ׳ קל"ז). פון דער צווייטער זייט, אן עקסטרעמער מוסר געפיהל, ווען ער ווערט ניט אָנגעווענדט בלויז פאר זיך אליין נאָר אויך פאר אַנדערע מיט־מענשען, קען זעהר לייכט ברענגען צו א פולשטענדיגע צושטערונג, און צושפליטערונג פון פאָלק.

דער נביא און מוסר זאָגער איז געפאָדערט געוואָרען, זאָגט ר׳ שמואל מאָהיליוער, ער זאָל אויפהויבען זיין שטימע ווי א שופר (ישעיהו נח). פאר וואָס ווי א שופר ? ווייל ביי שופר בלאָזען דאַרף דער תוקע אליין מאכען די ברכה „לשמוע בקול שופר" און ניט „לתקוע". דער הויפט ציעל פון שופר איז אז דער בלאָזער זעלבסט זאָל הערען. אנדערע הערען אויך אויב זיי ווילען.

און צו אַזאַ טאָלעראנטע באַציהונג צו אנדערע דארף מען שוין האָבען אביסעל קולטור.

דאָס זיינען ווערטער וואָס זיינען ניט פארעלטערט געוואָרען דורכ׳ן יובל יאָהרען זינט זיי זיינען געשריבען געוואָרען. פארקערט, איצט קענען זיי אפשר בעסער פאַרשטאַנען און אָפּגעשאצט ווערען.

אזוי קען אויך איצט בעסער פאַרשטאַנען ווערען ר׳ שמואל מאַ־היליווער׳ס הויפּט שיטה, אז טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער מוזען זיין פאַראייניגט אין איין מענש אויב ער וויל האָבען א ווירקונג אויפ׳ן לעבען. אין נאָרמאַלע אומשטענדען ווען עס האנדעלט זיך וועגען אויפהאַלטען אן עקזיסטירענדער אָרדנונג מעגען אָט די צוויי טאָקע זיין צוטיילט אין באזונדערע פּערזאָנען. דער טעאָרעטיקער מעג שטיל ענטוויקלען זיינע טעאָריעס, ווייט פון דער רוישיגער גאַס, און גלייבען אַז ענדליך וועלען זיי האָבען זייער אינדירעקטע ווירקונג אויפ׳ן לעבען. ניט אזוי אָבער ווען עס קומט א צייט פון אומשיכטונג און אומשטאלטונג. ווען אלץ ארום ברעכט צוזאמען און א נייע וועלט דאַרף געבויט ווע־רען. פאר טעאָריעס זיינען דאמאָלסט קיין אויערען ניטאָ. עס איז אן „עת לעשות״, וויל „הפרו תורתך״ — טעאָריעס ווערען צושטערט און איגנאָרירט.

„אין דער געשיכטע פון „חבת ציון״ און די גרויסע רבנים, גדולי הדור, וועלכע האָבען די באַוועגונג געהאָלפען, און אָהן זייער הילף וואָלט ניט אויסגעוואקסען אין יענע יאָהרען די באַוועגונג און די טעטיגקייט צו וואָס זי איז״, שרייבט הרב ר׳ מאיר ברלין אין זיינע מעמוארען „פון וואָלאָזשין ביז ירושלים״, זייט 183, „פאַרנעמען דעם עהרען פלאץ דריי גרויסע מענשען און טיילוויז א פערטער: ר׳ מרדכי עלאשבערג, דער טעאָרעטיקער, ר׳ שמואל מאָהיליווער, דער פּראַק־טיקער און דער טאַטע ז״ל, דער באַגרינדער, און, ווי געזאָגט טיילווייז ר׳ יצחק אלחנן דער מסכים.

אלס טעאָרעטיקער איז ר׳ מרדכי עליאשבערג אפשר טיעפער, קלערער און ווייט געהעגדער פון ר׳ שמואל מאָהיליווער. ר׳ שמואל מאָהיליווער׳ס הויפּט חידוש איז אָבער זיין פאָרגעפיהל אז עס איז אַוועק די צייט פאַר ריינעם טעאָרעטישען איינפלוס. און דערפאַר זיין בייזערען זיך אויף רבנים וואָס שליסען זיך איין אין ד׳ אמות של הלכה און באַטראַכטען פאר ניט פאַסיג זיך צו באַשעפטיגען מיט קליינע פּראַקטישע ענינים. רבותי, רופט ער אויס דראַמאַטיש, לאָמיר אוועקוואַרפען דעם כבוד המדומה און הערען גאָטס רוף צו שמואל׳ן, והקימותי לי כהן נאמן אשר כלבבי וכנפשי י ע ש ה (היראה וההשכלה הלבנון תרל״ד).

דער פּראַקטישער און פון מליצות ווייכענדער ר׳ שמואל מאָהילי־ווער, וואָס האָט אפילו אין זיין היסטאָרישען באריכט, נאָך זיין באזוך אין ארץ ישראל, דערשטיקט אין זיך אלץ וואָס קלינגט ראָמאַנטיש, און זיך באשרענקט נאָר אויף אויסגערעכענט פּראַקטישע און אויף

געניויע בעאָבאַכטונגען באַזירטע עצות, האָט דאָך געגעבען אַן אויס־דרוק צום פּראָפעטישען פּסוק וואָס האָט וואַרשיינליך געהאַלטען אין איין קלינגען אין זיינע אויערען—די אויפגאַבע פון א שמואל. און דער־פילענדיג אָט די אויפגאַבע האָט ער מעהר ניט געקענט בלייבען זיצען אויף זיין אָרט, נאָר אָנפאַנגען זיינע סבובים איבער דער אידישער וועלט.

אין 1881, נאָך דער כוואַליע פון פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאנד, ווען בראָד און לבוב אין גאַליציען זיינען פאַרפּלייצט געוואָרען פון אידישע וואַנדערער, און די שליחים פון דער אליאנס איזראַעליט אין פאַריז, און פון באַראָן הירש זיינען אָנגעקומען אין די אימיגראַציע צענטערן, צו העלפען די אידישע אימיגראַציע נאָך אַמעריקא און אר־גינטינא, איז ר׳ שמואל מאָהיליווער דעמאָלט רב אין ראַדום, פּוילען, אויך אהין געפאָרען. עס האָט קיינער איהם ניט געשיקט און ער האָט קיינעם ניט פאַרטראָטען. איהם האָט געשיקט דער אינערליכער רוף וואָס האָט איהם אונטערגעזאָגט: אידען שטעהן על פּרשת דרכים, געה און ווייז זיי דעם וועג נאָך ארץ ישראל. קאַרל נעטער, דער פאָרשטעהער פון אליאַנס איזראַעליט, וואָס האָט שוין מיט צוועלף יאָהר צוריק געגרינדעט אין ארץ ישראל אַן אגריקולטורעלע שולע „מקוה ישראל" האָט ערקלערט אז די אימיגראַנטען מאַסע איז ניט צוגעגרייט פאַר ארץ ישראל. עס פאָדערט זיך א לאַנגער פּראָצעס פון הכשרה. און ווענע־ציאַנא פאָרשטעהער פון באַראָן הירש׳ס מחשבות זיינען געווען ווייט פון ר׳ שמואל מאָהיליווער׳ס. ערשט אין יאָהר תרנ״ז נאָך באַראָן הירש׳ס טויט קומט עס צום קלאָרען אויסדרוק. סאַלאָמאָן ריינאַק, פון באַראָן הירש׳ס אַפּיטרופּסים, זאָגט: „איהר ווילט ענטוויקלען אין ארץ ישראל אידען פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, ווערענד מיר ווילען אידען פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט". ענטפערט ר׳ שמואל מאָהי־ליווער: „א טעות. מיר ווילען אין ארץ ישראל אידען פון דריי־סיגסטען יאָהרהונדערט, נאָר צו דער זעלבער צייט, זאָלען זיי אויך געהערען צו די פון פאַר אלע יאָהרהונדערטע, אידען פון פאַר אייערע צעהלונגען, קינדער פון נביאים און מכבים".

אין א פאָררעדע פון הערבערט סעמועל, צום ערשטען אָפיציעלען ארץ ישראל׳דיגען יאָהרבוך ווערט געזאָגט: ארץ ישראל איז קליין אָבער געאָגראַפיש און קלימאַטיש שטעלט זי מיט זיך פאָר אלע געאָ־גראַפישע פאָרמען און קלימאַטען פון דער וועלט. און אזוי אויך היסטאָריש. דער ארץ ישראל׳ער מענשען־מאַטעריאַל שטעלט מיט

זיך פאַר אַלע היסטאָרישע יאָהרהונדערטע צוזאַמענגענומען, איינשליי־סענדיג אויך אפילו דעם איין און צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

איז ר׳ שמואל מאָהיליווער גערעכט געווען. אָבער מיט זיין פּראַק־טישען חוש האָט ער אויפגעפּאַסט אז קאַרל נעטער איז אויך גערעכט. ארץ ישראל דאַרף געבויט ווערען בהדרגה׳דיג. „כי לא בחפזון תצאו ובמנוסה לא תלכון.” האָט ער ניט פאַרלאָרען איין מינוט. איז צוריקגעקומען אין ווארשע און אָנגעפאַנגען די חבת ציון באַוועגונג.

אויפ׳ן ערשטען רוף זיינען נאָך גע׳חתמ׳ט, מיט איהם צוזאַמען די גאונים: ר׳ יוסף בער סאָלאָווייטשיק און ר׳ אליהו חיים מייזעל. אָבער גלייך נאָכדעם ווי עס איז אויך ארויס דער סטודענטען רוף: „בית יעקב לכו ונלכה”, האָבען זיך די לעצטע צוויי רבנים צוריק־געצויגען. צו א חופּה לויפען פריהער די חדר אינגלאך האָבען זיי געזאָגט, זאָלען זיי לויפען. ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט אָבער געהאַל־טען (ווי עס האָט אויך שפּעטער געזאָגט אַן אַנדער גאון ר׳ משה יצחק פּאַניעוועזשער), אז אין באַצוג צו ארץ ישראל קומען אַלעמאָל די אינגערע צוערשט, בנערינו ובזקנינו נלך.

אזוי ווי דר. הערצל שפּעטער, האָט אויך ר׳ שמואל מאָהיליווער געזוכט צום ערשטען דעם וועג צו די גבירים. און ער האָט דוקא געהאַט טיילווייז ערפאָלג. זיין אוידיענץ מיט׳ן יונגען באַראָן עדמונד דע ראָטשילד אין פּאַריז, דורך דער פאַרמיטלונג פון הרב צדוק הכהן און מיכאל ערלאַנגער, דעם ערשטען טאָג סוכות וואָס האָט געהאַט אלס דעם באַלדיגען רעזולטאַט די גרינדונג פון דער קאָלאָניע „עקרון”, און דעם ווייטען רעזולטאַט, די גרויסע קאָלאָניזאַציע־ארבייט פונ׳ם באַראָן אין ארץ ישראל, איז איינער פון די שעהנסטע קאַפּיטלען אין דער היס־טאָריע פון שיבת ציון אין אונזער צייט. מזרח און מערב האָבען זיך באַגעגענט. ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט זיך ניט געגרייט מיט נייע הענדשוהע וואָס זאָלען אויסזעהן ווי אַלטע, אזוי ווי עס האָט נעביך געדאַרפט טאָן דר. הערצל אין זיין אוידיענץ מיט באַראָן הירש. ער איז געקומען צו איהם מיט א דרש וועגען משה רבנו, וואָס איז געווען א כבד פה און א כבד לשון כדי מ׳זאָל ניט זאָגען אז מיט זיין רעדנערישע קראַפט האָט ער באַוואוינגען פרעה׳ן ארויסצושיקען די אידען פון מצרים.

האָט ער אָבער גלייך אָנגעשלאָגען א טאָן פון גאולה און דער באַראָן האָט באַשטימט צו מאַכען א נסיון מיט א קאָלאָניע פון אויסגעקליבענע און אויסגעפּרואווטע ערד־ארבייטער אין רוסלאַנד. ר׳ שמואל מאָהי־ליווער איז ניט אוועקגעפאָרען פון פּאַריז ביז ער האָט דורך די

שתדלנות פון ר׳ צדוק הכהן און ערלאנגער ערהאַלטען דעם באראָנ׳ס הבטחה אין א געשריבענעם פאָרם. (דעם פאָרם האָט ר׳ שמואל מאָהי־ליוועך אזוי אָפּגעהיט אז ווען ער האָט אלע זיינע בריף און דאָקו־מענטען פאַרברענט מאימת המלכות, האָט ער דעם דאָקומענט איבער־געלאָזט ביי זיך).

אויסקלייבענדיג די קאָלאָניסטען פאר עקרון האָט ר׳ שמואל מאָהי־ליוועך אָפּגעהיט אלע אינסטרוקציעס פון באראן אויסער איינע. אנ־שטאָט אויסצוקלייבען 10־12 איינצעלנע יונגע לייט ווי עס האָט געקענט מיינען דעם באראָנ׳ס אינסטרוקציע האָט ער אויסגעקליבען 10־12 פאַמיליעס וואָס האָבען אויסגעמאכט נאָהענט צו צוויי הונדערט נפשות. מסתמא ווייל צוויי הונדערט זיינען מעהר ווי צעהן, און ווייל פאַמיליעס זיינען לויט זיין מיינונג א בעסערער עלעמענט אינ׳ם אויפבוי פון ישוב ווי עס צייגט זיך באציהונג צו די „בחורים” פון „גדרה” אנטקעגען די פאַמיליעס פון „פתח תקוה” און „עקרון” אין פיעלע פון ר׳ שמואל מאָהיליוועך׳ס בריף (כתבים לתולדות חבת ציון דריי בענדער געזא־מעלט און רעדאקטירט פון א. דרוינוב).

נאָך זיין ערפאָלג מיט׳ן באראן האָט ר׳ שמואל פאָרטגעזעצט זיין ארבייט מיט אנדערע גבירים. אָבער דאָ האָט ער געהאט פיעל ביטערע ערפארונגען, אזוי ווי שפּעטער דר. הערצל ז״ל. אין א פארזוך אין פעטערסבורג צו געווינען באראן גינזבורג פאר׳ן ישוב אין ארץ ישראל, וואָס איז איהם ניט געלונגען, האָט ער געזאָגט: „שאול המלך האָט געטאָן איין זינד און איהם איז ניט פאַרגעבען געוואָרען, זאָגען אונזערע חכמים, און דוד האָט געטאָן מעהרערע זינד און עס איז איהם פאַרגעבען געוואָרען. פארוואָס? ווייל שאול האָט געזינדיגט אלס קעניג, און אין די אויספירונג פון זיינע מלוכה פונקציעס, ווערענד דוד האָט געזינ־דיגט אלס פריוואטער מענש. גבירים וואָס זיצען אין די ערי המלוכה און טוען ניט זייער פליכט צו זייער פאָלק זיינען אין דער בחינה פון שאול׳ן וועמעס זינד קען ניט פארגעבען ווערען.” פון די ערי המלוכה האָט זיך ר׳ שמואל מאָהיליוועך געווענדעט צו די ערי תחום המושב און דאן פאנגט זיך אָן דער גרויסער „יום קטנות” פון די חובבי ציון. מ׳קלייבט פּרוטות. מ׳רייסט זיך אין די שוהלען וואָס זיינען גרעס־טענטייל פאַרמאַכט פאר די „חובבי ציון”. און דער נאָמען פון דעם גאון ר׳ שמואל מאָהיליוועך טרעט אויס דעם וועג. אָבער ניט נאָר דער נאָמען, נאָר ער אליין.

און א קאַמף האָט ר׳ שמואל מאָהיליוועך פון ביידע זייטען. די בילויי״ם אין גדרה רופען ארויס מיט זייער ניט־רעליגיעזער אויפפי־

רונג דעם צאָרן פון קנאים אין ארץ ישראל. שטעהט ר׳ שמואל מאָהי־ליוועה אין שטענדיגען גערױנגעל מיט די אנדערע „חובבי ציון״ צו צוימען גדרה. פון דער צווייטער זייט קעמפט ער מיט די וואָס נוצען עס פאר א פּרעטענזיע ניט צו העלפען דעם ישוב. געגען איינעם פון די לעצטערע דערצעהלט ר׳ שמואל מאָהיליוועה א האַלב־ערנסטע האלב־וויצעלדיגע מעשה: „א ישיבה בחור וואָס איז איינגעשטאַנען ביים שוחט אין א קליין שטעדטעל האָט ערהאלטען א בריף פון זיינע עלטערען אז זיי האָבען איהם געשיקט פינף און צוואנציג רובעל דורכ׳ן שוחט. דער שוחט האָט גע׳טענה׳ט: להד״ם. איז מען געקו־מען צום רב. האָט ער געפּסקנ׳ט, דער שוחט זאָל שווערען ווי דער דין איז. האָט דער שוחט געשוואָרען און נאָכ׳ן שווערען האָט ער ארויסגענומען א פינף און צוואנציגער און דערלאַנגט דעם בחור. וואָס איז דאָס? האָבען אלע עס באַוואונדערענדיג אָנגעקוקט. זאָגט דער שוחט אזוי: וואָלט איך באצאָלט און ניט געשוואָרען וואָלט מען מיר חושד זיין אז איך האָב געוואָלט באגזל׳ן דעם ישיבה בחור און האָב זיך דערשראָקען פאר דער שבועה. וואָלט איך שווערען און ניט באצאָלען וואָלט מען מיר ווידער חושד זיין אז איך האָב אפשר געשוואָ־רען פאַלש. דעריבער האָב איך געשוואָרען און באצאָלט, כדי אלע זאָלען זעהן אז איך האָב געזאָגט אמת״. אָט אזוי האָט ר׳ שמואל מאָהיליוועה, אויסגעפיהרט, דארף זיך נוהג זיין איינער וואָס וויל מען זאָל איהם גלויבען אז ער איז ערנסט אין זיין קריטיק וועגען ישוב אין ארץ ישראל. („עלי חלדי״ פון הרב י. ניסענבוים ע״מ 124).

(ר׳ שמואל האָט אין אלגעמיין ניט שטארק ליעב געהאט א וויץ, ווייל איין וויץ שטויסט אָפּ הונדערט מוסר־רעדען־תוכחות־און טוי־זענד איבערצייגונגען—הוכחות. א. ש. הירשבערג דערצעהלט אין זיינע זכרונות וועגען ר׳ שמואל׳ן, אז צונויפטרעפענדיג זיך דעם ערש־טען מאָהל מיט ר׳ יאשע בער בריסקער צוזאמענרעדען זיך וועגען ישוב ארץ ישראל האָט ר׳ שמואל געשטעלט ר׳ יאשע בער׳ן דעם ערשטען תנאי, אז ער זאָל זיך ניט באנוצען אין געשפּרעך מיט קיין גלייכווערט־לאך מיט וועלכע ער האָט זיך אזוי אויסגעצייכענט. ר׳ שמואל האָט אָבער אלייך גוט פאַרשטאַנען א גלייכווערטעל און דעם כח פון א גלייכווערטעל. און זיינע ערנסטע גלייכווערטלאך האָבען געהאַט א טאָפּעלטע ווירקונג. אזוי האָט ער צום ביישפּיעל זעהר ערנסט און וויצעלדיג געענטפערט פּראָפעסאָר נח באקסט, וואָס האָט איהם גע־פרעגט איראָניש: מיינט איהר טאקע צו שאפען א אידישע מלוכה אין ארץ ישראל? האָט אויף דעם ר׳ שמואל געענטפערט: „איך וויס

ניט ווער אייער פאָטער איז געווען, נאָר איך שטעל זיך פאָר אז ווען אייער פאָטער האָט אייך אריינגעגעבען אין א גימנאזיע האָבען איהם זיינע חברים פון שטעדטעל געפרעגט: פאר א פּראָפעסאָר ווילט איהר איהם מאכען? ווען ער פאָטער שטאַלט זיך פאָר אז זיי וועלען אידען וואוינען און האָבען פרנסה אין ארץ ישראל איז גוט, וועלען זיי דאָרט שאפען א געדיכטען ישוב וועט זיין נאָך בעסער און אויב זיי וועלען דאָרט אויפשטעלען א אידישע מלוכה איז אודאי גוט״).

פון איינצעלנע עסקנים און געצעהלטע אגודות איז „חבת ציון״ אויסגעוואקסען צו א וועלט־באַוועגונג, און אין דער ערשטער קאטאָ־וויצער אספה י״ח־כ״ג מרחשון, תרמ״ה איז ר׳ שמואל מאָהיליוועווער אויסגעקליבען געווארען פאר׳ן עהרן־פּאָרזיצער און דר. ל. פינסקער פאר׳ן פּאָרזיצער.

צוויי צענטראל ביוראָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרען פאר דער וויטערדיגער אָנפיהרונג פון דער ארבייט. איינע אין ווארשע, פאר אָרגאַניזאציע און פּראָפּאגאנדע, און די צווייטע אין אדעס פאר געלד אַנגעלעגענהייטען. און וואו איז ביאליסטאָק, ר׳ שמואל מאָהיליוועווער׳ס צענטער? ר׳ שמואל מאָהיליוועווער איז באטראכט געווארען פאר צו עהרן־ווירדיג כדי צו פארבונדען ווערען מיט פּראַקטישע ארבייט. אויסער דעם זיינען דאָך שוין דאָ געוויילטע גבאים וואָס וועלען טאָן די ארבייט. איז עס אָבער געווען א טעות. ר׳ שמואל איז געבליבען דער אקטיווסטער און פאראַנטוואָרטליכסטער ארבייטער אין „חבת ציון״. עס איז גענוג צו לייענען די בריף פון ר׳ שמואל מאָהיליוועווער צו דר. פינסקער (כתבים לתולדות חבת ציון, דרוינוב) צו זעהן ווי ר׳ שמואל שטעהט אויף דער וואַך און מאָנט פון זיך און פון אנדערע שטענדיגע פעולות. פיער מאָנאט נאָך דער קאטאָוויצער אסיפה שרייבט ר׳ שמואל מאָהיליוועווער צו דר. פינסקער: „ומה איפוא היא פעולת הועד עד היום, האם רק להחליף מכתבים בוכוחים שונים? קצתה נפשי בפעולה כזאת״ (כתבים מס. 234). און אין א בריף פון י״א אייר תרמ״ה שרייבט ער, אז עס שיינט איהם אז די מאָסקווער „חובבי ציון״ זיינען שוין צו מיעד פון אייניגקייט און ווילען שוין מקיים זיין דעם פסוק „איש לאהלי ישראל״, דארף מען דעריבער מקדים זיין עס זאָל ניט קומען צו מחלוקת. א מאָנאט שפּעטער אין י״ג סיון תרמ״ה שרייבט ער צו דר. פינסקער, אז ער איז ארויסגערופען געווארען אין ווארשע שלום מאכען צווישען די „חובבי ציון״ וה׳ יעזור לי לעשות שלום אמת ביניהם (כתבים מס. 284). און אין יאָהר תרמ״ו מאכט ער וויטער

א סבוב אין מערב אייראפא צו מאכען נייע נפשות פאר'ן ישוב אין ארץ ישראל.

אזוי ווי דער נביא שמואל האָט אָנגעהאלטען זיין וואכזאמע אויג אויפ'ן פאָלק, אויך נאָך דעם ווי עס איז שוין געווען אן אויסערוועהלטער פיהרער, אזוי האָט ר' שמואל ניט אָפּגעקערט אויף א טאָג זיין אויג פון „חבת ציון" אויך נאָך דער ערוועהלונג פון די צענטראלע ביוראָס אין ווארשע און אין אדעס. און ר' שמואל'ס הויפּט שטארקייט איז טאקע געלעגען אין זיין נאָכפאָלגען די שיטה פון שמואל הנביא — הרוצה שלא יהנה לא יהנה כשמואל הרמתי.

אלע זכרונות שרייבער פון ר' שמואל מאָהיליווער דערצעהלען מיט התפעלות וועגען שמואל מאנטאגו וואָס האָט געגעבען ר' שמואל מאָהיליווער'ן א טשעק פון פופציג פונט אויף זיין ערשטער רייזע אין לבוב און ר' שמואל מאָהיליווער האָט איהם געפרעגט: און ווער וועט דיר באַצאָהלען דיינע אויסגאבען? און פון מ. ערלאנגער וואָס האָט ר' שמואל מאָהיליווער'ן געגעבען דעם באראנ'ס א טשעק פאר זיינע רייזע אויסגאבען און ער האָט זיך ענטזאגט צו נעמען זאָ־גענדיג: „דער באראן האָט מיר גענוג באצאָהלט מיט זיין צוטרוי צו מיר", און נאָך פילע עהנליכע מעשיות. אפילו פונ'ם כתר הרבנות אין ביאַליסטאָק האָט ער זיך געוואָלט צוערשט ענטזאגען אויס מורא פיליכט האָט ער די רבנות באקומען דורכ'ן ריידען פאר חבת ציון אין ביאליסטאָק וואָס איז זעהר געפּעלען געוואָרען.

איז דאָס אויך דער פּראָפּעטישער רוף פון שמואל הנביא וואָס האָט געקלונגען אין זיינע אויערען: „והקימותי לי כהן נאמן אשר כלבבי וכנפשי יעשה?...

ערשט אין דער דורזגעניקער אסיפה אין תמוז תרמ"ז האָבען די חובבי ציון אנערקענט אז ר' שמואל מאָהיליווער קען ניט בלייבען אן עהר־פּאָרזיצער אליין, נאָר מוז אויך זיין א שטענדיגער אקטיווער פירער. און צוזאמען מיט ר' שמואל מאָהיליווער זיינען דאָרט אויסער־וועהלט געוואָרען נאָך צוויי יועצים דער נצי"ב און ר' מרדכי עליאש־בערג.

וועגען אָט דער דורזגעניקער אסיפה שרייבט אוסישקין (ספר שמואל ע"מ ק"ח־קי) אז ער האָט דאָרט געטראָפען ר' שמואל'ן דעם ערשטען מאָל. ר' שמואל איז דאמאָלסט אלט געווען דריי און זעכציג יאָהר, און ער א יונגער סטודענט פון פיער און צוואנציג, און אוסיש־קין האָט געהאט אזוי פיעל רעספּעקט און ליבע פאר ר' שמואל מאָהי־ליווער, אז ער האָט זיין איינציגען זון, געבאָרען א יאָהר נאָך ר' שמואל

מאָהיליוועראס פּטירה, אַ נאָמען געגעבען שמואל. ניט נאָר איז ר׳ שמואל געוועזן העכער פון גאַנצען פּאָלק אין גאונות און מדות, נאָר אויך אַ טראַגישע פיגור האָט ער איהם אויסגעזעהן, שטעהענדיג צווישען צוויי פייערען און היטענדיג אויף דער גאַנצקייט פון פּאָלק.

אפילו דער וואָס האָט ניט זוכה געוועזן צו זעהן ר׳ שמואל׳ס פּנים און קוקט זיך נאָר צו צו זיין פאָטאָגראַפישע בילד זעהט באַלד די טראַגישקייט וואָס איז אויסגעגאָסען אויף זיין געזיכט. דער שטערן טיעף געקנייטשט, די אויגען דורכדרינגענד, ערנסט, וועהטאָגדיג, קלוג און פארגעבענדיג.

אפלטון אין זיין „אוטאָפּיע" שטעלט פאַר דעם אידעאַלען פילאָזאָפישען שטאַטסמאַן. נאָכדעם ווי ער האָט געלערנט אלע נויטיגע געגענשטענדע פון קונסט און וויסענשאַפט דאַרף ער אוועקגעבען נאָך צעהן יאָהר פון זיין לעבען פאַר ארבייט אדער מסחר כדי צו ערווערבען אין צוגאָב צו זיין טעאָרעטישע, אויך פראַקטישע ערציהונג.

וואָלט איך געדאַרפט מאָלען אַ בילד פון אַ פּלאַטאָנישען פילאָזאָפישען שטאַטסמאַן וואָלט איך גענומען אָט די בילד פון ר׳ שמואל מאָהיליוועָר זצ"ל אלס מאָדעל.

נאָכדעם ווי ר׳ שמואל מאָהיליוועָר האָט באַקומען סמיכה צו אכצעהן יאָהר פון ר׳ איצעלע וואָלאזשינער און זיין איידעם ר׳ אליעזר יצחק, און איז קלאָר געוועזן אין ש"ס, האָט ער זיך עוסק געוועזן ביז׳ן פיער און צוואַנציגסטען יאָהר פון זיין לעבען אין מסחר פון פלאַקס. אזוי ארום איז ער אויסגעוואקסען צו דעם הארמאָנישסטען אויסדרוק פון אַ טעאָרעטיש־פּראַקטישען גאונישען פירער.

אין דער קאַטאָוויצער אסיפה אין תרמ"ה האָט ר׳ שמואל מאָהיליוועָר געהאלטען די ערעפענונגס רעדע און האָט פאַרגעשטעלט די בילד פון „עצמות היבשות" פון יחזקאל. פריהער אַ רעש. ערשט נאָכהער האָבען זיך אָנגעהויבען די צוואָרפענע ביינער צוזאמענצוקומען. אָבער אין זיי האָט געפעלט דער רוח. די בילד איז געווען די פון „חובבי ציון". דער רעש די „סופות בנגב". דער וואונק וועגען דעם פעהלענדען רוח איז אָבער ניט פאַרשטאַנען געוואָרען גלייך. ערשט אין דרוזגעניקער אסיפה פון אלול תרנ"ג, נאָכדעם ווי „חבת ציון" איז געבליבען ווי אַ טרוקענער סקעלעט, אפילו נאָכ׳ן געזעצליכען אנערקענונג פון דער רוסישער רעגירונג אין תר"ן, איז פאַרגעשלאָגען געוואָרען די שאפונג פונ׳ם „מרכז רוחני" נוטריקון מזרחי, אריינצובלאָזען דעם לעבעדיגען און היילינגען פּאָלק׳ס גייסט אין דער „חבת ציון" באוועגונג. און ר׳ שמואל מאָהיליוועָר איז גע־

שטעלט געוואָרען אין דער שפּיץ פונ׳ם „מרכז רוחני״. דאָ האָט ר׳ שמואל מאָהיליוועד׳ס גאונישער טעאָרעטיש־פּראַקטישער גייסט ער־רייכט זיין ציעל און ער איז געוואָרען דער מבשר פון א נייער און פולער נאַציאָנאלער ערוואכונג. און נאָך איידער ר׳ שמואל מאָהיליווער איז נפטר געוואָרען איז געבאָרען געוואָרען דער ציוניזם און מיט׳ן ציוניזם אויך ר׳ שמואל מאָהיליווער׳ס גייסטיגער און קאָלעקטיווער יורש, דער מזרחי.